STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04476

SHOTNS OYFN SHNEY

Aaron Zeitlin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אהרן צייטלין

שאטנס אויפן שניי

לידער

Y 892.51 Z48

29174 3

ארויסגעגעבן דורך דער „בעלעטריסטן - פאריייניקונג" ביים
פאריין פון יידישע ליטעראטן און זשורנאליסטן אין ווארשע
1923

. C E J T

CIENIE NA ŚNIEGU

* * * POEZJE * * *

NAKŁADEM ZJEDNOCZENIA BELETRYSTÓW PRZY ZWIĄZKU LITERATÓW I DZIENNIKARZY ŻYDOWSKICH W
* * * WARSZAWIE * * *

Copyrithed by Jewish Writers Club, New-York.

הילע געצייכנט פון ישראל טיקאטשינסקי.

געזעצט ביי ברוק און ביר, קארמעליצקע 4.
געדרוקט אין דרוקעריי „די וועלט“, נאוואליפיע 7.
Drukarnia „Di Welt“, Warszawa, Nowolipie 7.

אינהאַלט.

פאָרוואָרט 4

שאָטנס אויפן שניי

Staccato 7
יוגנט־ליד 8
פון באָדלערן 9
אַ שטומפּ 10
אדם־חוה ביים ים 11
טבת 13
דריי 14
שאָטנס איבער דער שטאָט 16
טראַמוואַיען 19
אומגליק 21
שעהן 23
גרייטקייט 24
די מרה־שחורה 25
אייביק דאָסזעלבע 26
דזין, דזין, דזין 27
אַ פערד אויפן רעגן 30
קו־קו 32
אַסטראַל 34
און אַלע ווייִנען זיי 36
פרעש 37
מיר בלינדע 38
שפּינוועבס 40
מתים 41
אינגיכן 42
ספינקס 43
בעטלער 45
ראַביאַ, די הייליקע נזירה 46

אַנונגען

אַלקאָראַניש (I—II) 51
הייליקייט 55
פאַר נישט גלויבן 58
ווי אַזוי ווערט געבוירן אַ ליד 59
אַ תפלה 61
קאָראַן־מאָטיוו 63
גלגולים־טאַנץ 64
און דער וויין, וואָס שוימט
אין כוס 67
אורחים 68
פאַרבייוואָגלער 69
ברונעם־שטאַנגען 71
טהרה 72
שכינה 73
תטהרו 75
עולימתא 77
ים 78
גלויבן 79
איבערלעבונג 81
איינציקייט 82

ווען ברעג צום צווייטן זינגט אַריבער

דוד און יהונתן 87
רות 91
אָן לבוש 93
דיין האָרץ—די שטילע גאָם 94
ידישער ראָמאַנס 95
Nocturno 97
און וואָלט אַ וואָג 101
אָפּט קלער איך 102
אַ חתונה 104
אַ גאַסן־מיידל 106
תאוה (I—II) 108
דאָס אויג מיינס האָט פאַר־
בלאָנדזשעט 111

קאָלירטע בת־קולס

וועלט־געפיל 115
רעגנס 117
אַ צוג 118
אַ בשורה 119
שוואַרצער דראָט 120
אַ לבנה אויפן שטעטל 122
וויין 124
לבנה־שרעק 125
יעדן אויגנבליק דיכטער 126
געשטאַלט פון פאַרנאַכטלעך 129
מלך וואַנזין 131
און שטאַרב איך 132
שפּראַכגעבורט 133
בוימער 134

* *

„שאָטנס אויפן שניי“ — אַזוי גיב איך אַ נאָמען דער דאָ־זיקער זאַמלונג פון פריערדיקע לידער, געשריבן איידער מיין גייסט איז אַוועק איבערן טראַקט פון קאָסמישער דיכטונג.

דאָס בוך האָט געזאָלט אַרויס מיט אַ היפּשער צייט צוריק און בעווייזט זיך צוליב טעכנישע סבות ערשט איצט, — נאָכדעם ווי איך האָב מיך געשטעלט אונטער נייערע, פריידיקערע, נישט־עלעגישע הימלען.

איך האַלט אָבער, אַז די שאָטנס פון אַנונג, וואָס האָבן ריטמיש געציטערט אויפן שניי פון מיינע ביזאיצטיקע שטעגן, זיינען אַ נויטיקער איבערגאַנג, וואָס אָן אים בלייבט נישט גע־נוג פאַרשטענדלעך מיין איצטיק שאַפן.

א. צ.

וואַרשע, 1923.

שאַטנס אויפֿן שניי

STACCATO

אויפן דאַך קריכט אַ טויטער
היינטיקע נאַכט...
די לבנה שרייט רויטער
היינטיקע נאַכט...
די לאַמטערן ווינקט געלער
היינטיקע נאַכט...
עמיץ שטאַרבט אין אַ קעלער
היינטיקע נאַכט...
אַלע מויערן וואַכן
היינטיקע נאַכט...
סוועלן פלעדערמייז לאַכן
היינטיקע נאַכט...

יוגנט־ליד.

האַסן הייסט — פאַרמאָגן נעגל!
ווי אין מיסט אַ פולן קאַסטן,
אינם האַרץ פון דעם געהאַסטן
אייביק גראַבלען מיט די נעגל, —
בעסער ליבן!

ליבן הייסט — פאַרמאָגן נעגל,
הייסט — באַפאַלן יענעמס בלוטן,
שקלאַפיש דינען דעם נישט־גוטן;
האָס און ליבע דאַרפן נעגל, —
בעסער דיכטן!

דיכטן הייסט — פאַרמאָגן נעגל,
ביי דער שטילקייט רויבן קלאַנגען,
אייביק רויבן, אייביק פאַנגען...
אויך דאָס דיכטן פאָדערט נעגל, —
בעסער לעבן!

לעבן הייסט — פאַרמאָגן נעגל,
אייביק שפּירן, אייביק שנאַפּן,
דאָס באַראָבן, יענץ פאַרכאַפּן.
לעבן הייסט — פאַרמאָגן נעגל, —
בעסער שטאַרבן!

פון באַדלערן.

אַ געלע שלאַנג אין האַרצן טראָגט
איטלעכער מענטש, און זי פּסקנט פּסק.
זי שטייט דאָרט ווי אויף אַ טראָן, און זאָגט
דער מענטש: „איך וויל!״–זאָגט זי: „נישט וואַג!״

דערטרינקסטו דיין בליק אין דעם שוואַרצן גלאַנץ
פון אַ ניקסעס אויגן און סווערט דיר וואַרמער, –
פרעגט די שלאַנג: „און דיין פליכט, אַ שטייגער?״

שלייף דיר פערזן און קריץ אין מאַרמאָר,
האָב דיר קינדער און בוימער פלאַנץ, –
זאָגט זי: „ביזט אפשר נאָך היינט אַ פגר״...

נאָך וואָס סזאָל נישט זיין דעם מענטשס פאַרלאַנג–
נאָך גאָט, נאָך ליבע, נאָך מזל=ברכה, –
אייביק אונטער איר השגחה
נעמט אים די שלאַנג, די שלעכטע שלאַנג...

א שטומפ.

פאַראַן אַ פיגור אין שאָטן: לעבן.
די פיגור אין שאָטן האַלט אין מויל –
אין איר מויל, וואָס איז ברייט ווי אָקעאַנען –
מיליאָנען געצונדענע ציגאַרן.
זי רויכערט, פוס פאַרלייגט אויף פוס,
ווילעריש רויכערט זי, די גאַסן־פרוי!
זי רויכערט אויס מיליאָנען ציגאַרן
און לאַכט און צינדט אָן מיליאָנען נייע –
און איך בין אַ פאַרלאָשענע ציגאַר,
אַן אויסגערויכערטע... מען האָט
מיך געוואָרפן אין מיסט – – –
ליג איך אין מיסט און חלום דומפּ
חלומות פון אַ פאַפיראָסן־שטומפּ.
חלומט מיר אין מיסט מיינעם אַ טויטס:
קומען וועט אַמאָל צוגיין אַ חזיר,
אַ רויטאויערדיקער הזיר און אַ פעטער,
וועט אַרומשמעקן מיך זיין גראָבער שנויץ,
אַרומשמעקן, זיך אָפּקערן פון מיר
מיט חזירשע תרעומות...

אדם=חוה ביים ים.

ווי גרינע משותלח=אלטע שלאנגען
אין טויבן משותלח=אלטן וואלד
גלאצט דער ים אין טויטע אויפדערנאכטן,
און כהער ווי סציטערט איבער אים און פאלט
אן אפקלאנג פון דער וועלט=געשיכטעס
ווייטע שלאכטן,
אן אפקלאנג פון א דורות=לאנגן גוואלד———

דעם ים צוקאפנס שטייען אדם=חוה-צוויי פיגורן-
צוויי גרויע הויכע מאסטן מיט ארויפגעשטרעקטע
הענט –
און סרעדט צו זיי דער ים,
דער נחש קדמון, דער פארשטעלטער ס"ם:
וואס וויינט איר? נישט אין מיר איז עס געווענדט!
דער וועג צו גאט – פארווישט איז ער, פארווישט
די לעצטע שפורן!
איך –
דורות גאנצע קריך איך אויף מיין גרינעם בויך
און קריך –
צוריק צו גאטס גן=עדן קאן איך נישט דערקריכן...
און איר!

אַ סברא, אַז אויך איר וועט נישט דערקריכן אַזוי
גיך,
אַ סברא, אַז נישט יעצט און נישט אינגיכן...
וואָס קומט איר דאָ מיט טענות אייביקע צו מיר?!
אויך איך ליג אויסגעשטרעקט אין אַ געבעט, וואָס
קיינער הערט נישט,
פאַר גאָטס פאַרשלאָסענער און הויכער טיר" – – –

ט ב ת.

מיט גריִנעם גאַזן־טוי
זאַלבט דיך, טבת־נאַכט, אַ לאַמטערן,
באַשיינט פאַרפרוירענע קליינע טרערן
אין אויג פון אַ גאַסן־פרוי...

ווי שדים באַהאָרנטע
טונקלען זיך קוימענס טויט און טבתלעך...
אַ לץ פון שניי אַרויס וואַרפט מיט שניי־פּיסלעך
איבער הייזער הויך־געגאָרנטע...

די גאַס די פאַרלאָשענע, — מטה־שמאָל,
מטה־שוואַרץ, —
האָט פאַרבלאָנדזשעט אין שניי, ווי אַ קינד צווישן
מצבות..
צוגלעקלט זיך ווען־עס־איז אַ שליטן־האַרץ —
באַגראַבסטו די קלאַנגען, נאַכט פון טבת!

ד ר י י.

אָט אַזוי אַנטרינט די אונשולד,
אָט אַזוי אַנטרינט זי...
עפּעס דאַרף זי, עפּעס זוכט זי —
אָבער וואָס געפינט זי?
פלוצלינג קומט די הייסע ליבע
מיט איר פלאַם — און צינדט זי.
און אין רויך אַנטרינט די אונשולד,
אָט אַזוי אַנטרינט זי...

אָט אַזוי פאַרגייט די ליבע,
אָט אַזוי פאַרגייט זי...
עפּעס דאַרף זי, עפּעס זוכט זי —
אָבער ווער פאַרשטייט זי?
עפּעס דאַרף זי, עפּעס זוכט זי —
נאָר דאָס לעבן קרייצט זי.
און געקרייצט פאַרגייט די ליבע,
אָט אַזוי פאַרגייט זי...

אָט אַזוי פאַרגייט דאָס לעבן,
אָט אַזוי פאַרגייט עס...
עפּעס דאַרף עס, עפּעס זוכט עס —
אָבער ווער פאַרשטייט עס?

סזוכט אַ חבר, און דער טויט נאָר,
באָר דער טויט באַגלייט עס...
און אין טוט פאַרגייט דאָס לעבן
אָט אַזוי פאַרגייט עס...

שאָטנס איבער דער שטאָט.

שטיל... דער ווינט אָטעמט שוואַך...
עס גייט אויף די לבנה פון יענער זייט דאַך,

שטעלט זיך אויבן און וואַרפט
בלייכע רויזן אַרונטער אין שטאָט, ווי באַדאַרפט

וואָלט איצט רויזן די שטאָט...
נאָר זי דאַרף זיי נישט, שלאָפט — און קיין קלאַפּ
פון אַ ראָד,

קיין פאַבריקס פייפעריי
וואַגט נישט שטערן איר שלאָף. שאָטנס
פינסטערע דריי,

שאָטנס דריי, שאָטנס דריי,
הויך, גאָר הויך איבער איר, איבער מאַרק און געביי,

שטייען שוואַרץ צו דער זייט
פון דער בלייכער לבנה, דער ווייכער ווי זייד,

קוקן צערטלעך אַראָפּ —
און עס רופט זיך איין שאָטן זיס־ווייטאָקדיק אָפּ:

סאיז געשטאַנען מיין וויג
אין דערדאָזיקער שטאָט מיט פיל יאָרן צוריק.

כהאָב דאָס לעבן פאַרזוכט
דאָ צום ערשטן—און האָב נישט דאָס לעבן געפלוכט."

און מיט אומעט נאָך מער
רופט דער צווייטער זיך אָפּ און לאָזט פאַלן אַ טרער:

"אוי אַ שאָד, אוי אַ שאָד!
כהאָב געהאַט אַ געליבטע אַמאָל אין דער שטאָט,

כהאָב די ליבע פאַרזוכט
דאָ צום ערשטן—און האָב נישט די ליבע געפלוכט."

זיי פאַרשטומען אין וויי,
נאָר דער שאָטן דער דריטער איז שטומער פאַר זיי.

ער איז שטום און פאַרשטאַרט —
און די טרער, וואָס ער לאָזט, איז פאַרגליווערט
און האַרט.

ער דערמאָנט זיך און זאָגט:
"אין דערדאָזיקער שטאָט האָט נישט קיינמאָל
געטאָגט

מיר צום ערשטן גאָטס ליכט —
און נישט האָט מיך געלאָקט דאָ אַ נאָענט געזיכט.

דאָך מיט יאָרן צוריק
איז אויך מיר דאָ געשען אַ שטיל גליק, אַ שטיל
גליק:

סהאָט דאָ אונטן דער טויט
מיין נשמה דערלייזט פון דעם ערד-לעבנס נויט,

און פאַרטריבן די פיין,
די פאַרשאָלטענע פיין פון פאַרשאָלטענעם זיין"...

ער זאָגט אָפּ און פאַרשטאַרט,
און די טרער, וואָס ער לאָזט, איז פאַרגליווערט
און האַרט.

און די צוויי ביי זיין זייט
שאָקלען צו: „דיין אבידה איז אָן א פאַרבייט!

אַזאַ גליק איז נישט קליין,
ווייל דער רעטער, דער טויט, קומט נאָר איינמאָל
צוגיין...

אָך, און נאָך אים, ווי פאַר,
פייניקט לעבן אַלץ-איינס"...
שטומען מאַכט זיי דער צער,

און זיי בלייבן אָן ריר...
אונטן חלומט די שטאָט, שאָטנס דריי – איבער
איר...

ט ר אַ מ ו ואַ י ע ן.

עס קלאַפּט דאָס האַרץ פון גרויסע שטעט
פון פרי ביז שפּעט –
און שמידט דעם אַשמדאַי כּלי=זין...
אים זינגט די גאַס
אויף איר פאַרשייט=געדיכטן באַס,
און זיינע שדים – רק זיי שרייען.
אָן אויפהער גייט,
אָן אויפהער ציט זיך זייער קייט,
די קייט פון שדים – די טראַמוואַיען...

ס״ם לויערט לאַכנדיק און קוועלט,
און בענטשט זיין וועלט,
וואָס פּלאַצט פון רעש און קריגערייען...
ער שטייט און האָרכט ביי יעדן ראָג:
וואָס זינגט די גלאָק
פון גאַסן, ריזיקע געביי‎ען,
סאַראַ אַקאָרד
עס נעמען הונגער, זנות און מאָרד,
און ווי עס וויינט: „לית דין ולית דין״...

מיט ווילדער פרייד
פאַרנעמט ער קללות, פּוסטע רייד,

דאָס גאַנצע טומלען, קלינגען, ברייען,
און לוסטיק זעט
זיין אויג, ווי סציט-זיך דורך די שטעט
זיין קייט פון שדים, די טראַמוואַיען...

אומגליק.

אין יעדן מענטשן לעבט אַן אומגליק,
ווי אַ משוגע־ווילדע קאַץ,
וואָס ווױנט ביחידות אין אַ קעלער
און האָט מחזקות מיט די שדים.

און טויזנט נעמען האָט דאָס אומגליק:
מען רופט עס ליבע, דיכטונג, טרויער, —
נאָר וואָס באַגערט עס — האָט ביז איצט
קיין ערד־קינד נישט געוווּסט נאָך.

אָ דולהויז, אָרט, ווו סקומען־זיך
צונויף די אומגליקן פון מענטשן
ווילד שרייען זיי אַרויס
פון אַלע דיינע פענצטער.

ווי אָפט האָט מיך געוווּנדערט,
וואָס דיינע ציגל ברענען נישט,
וואָס דו שטייסט איבער אונז נישט אויף,
ווי אַ ריזיק האַרץ אין פלאַמען!

אין קרוין פון אומגליק טרעט אַרויס,
פאַרמעסט זיך אויף פלאַנעטן,
און זאָל דיר נאָכגיין אַ שלל נשמות
משוגענע און שטאַרקע!

באַפאַל נאָך האַלבע נאַכט אונזערע הייזער,
כאַפּ אָן ביים גרגרת דאַרע קוימענס,
ווערג אויס אין שלאָף אַ וועלט אָן גאָט –
און שנייד אַלע זייגערס אויף די בייכער!

שָׁ ע ה ן.

שָׁעהן — גרויע קעמלען,
טויטע קאַראַוואַנען...
שלעפן זיך און שלעפן —
פרעג זיי נישט פון וואַנען...
אַלץ, וואָס איז געשטאָרבן,
שלעפן זיי אויף האָרבן
צו דער פרוי נירוואַנאַן...

שטייען כּנופיות שדים,
פיצנטערע חבריאָס,
שמעלצן בליי פון שָׁעהן —
קיי איך סבליי און קיי עס...
קיי איך גרויע בלייען,
הער איך אייביק שרייען:
„ב ל י י עס, ב ל י י עס, ב ל י י עס!"

שָׁעהן, שָׁעהן, שָׁעהן — — —
סטרייבט די צייט קאָטאָוועס...
שָׁעהן זענען פוסטע
זייגערשע מחשבות...
סלאַכט זיי אויס, די שָׁעהן,
ער, דער שוואַרצער גאון,
דער מייסטער מלאך־המות...

ג ר יי ט ק יי ט.

אַליין בין איך געבליבן
און איינזאַם מיט מיין סוד,
און הימלען גאַנצע זיבן
פאַרשטעלן מיר מיין גאָט.

פון טויזנטער געפילן
בלייבט לעבן איין געפיל:
נישט לאַנג וועל איך דאָ שפּילן
דאָס אומעטיקע שפּיל.

היינט לעב איך, מאָרגן שפּרינג איך
אין תהום, ווי אַ מעטעאָר,
און איבערמאָרגן זינג איך
מיט גייסטער אין איין כאָר:

די מרה־שחורה.

כאַנעט

דו זעסט זי אויף בוידעמס, ווו סוויגט זיך אום
דער גוף פון אַ זעלבסטמערדער אויף אַ שטריקל;
ביינאַכט — הינטער איינעם, וואָס בויגט־זיך קרום
און וואַרפט־זיך אין וואַסער אַריין פון בריקל.

מיט פינגער, וואָס זענען גרייט טון שלעכטס,
צעציט זי די רויבער־פיס ביי שפינען;
זי קויקלט די שטאָל־רעדער פון מאַשינען
און קאָכט דעם ים־שטורמס ווייס געקעכץ.

אין הערבסט זאָגט זי וידוי מיטן גאָרטן,
צינדט אָן זיינע בוימער מיט איר שטורקאַץ...
זי זיצט צווישן יונגען און שפילט אין קאָרטן

ערגיץ עק שטאָט, אין אַ פריילעך הייזל,
און ברענט אין די אויגן פון אַ קאַץ,
וואָס געניצט, נאָכיאָגנדיק אַ מייזל...

א ײ ב י ק ד אָ ס ז ע ל ב ע.

מײַן לעבן איז אַ חלום אין אַ חלום
און איז אַן אָנקלאַפּן פֿון טיר צו טיר;
דאָס איז אַ בוך פֿון אײביקע משלים,
װאָס חזרן זיך איבער אָן אַ שיעור...

נישט אײנמאָל, זאָגנדיק „הבל־הבלים",
האָב איך געטראַכט: אַלץ דענקט אין מיר און
װאַכט...
נאָר אויך דאָס װאַכן איז געװען אַ חלום —
און ס'איז װי פֿריער נ אַ כ ט געװעזן, נ אַ כ ט...

ס'איז נאַכט געװען אין נאַכט! עס האָט אײן חלום
פֿאַרטאָפּלט זיך, פֿאַרדרײפֿאַכט און פֿאַרפֿירט...
אײן נאַכט דער צװײטער האָט געגעבן שלום,
אײן חלום האָט דעם אַנדערן געפֿירט...

בײ יעדן נײעם טרוים, בײ יעדן חלום —
האָט מיר אַ קול געפּליסטערט אַלט און מאַט:
„דו קענסט דאָך אים, דו קענסט שוין פֿון אַמאָל
אים" — —
אַ לעבן מײנס, קװאַדראַט אין אַ קװאַדראַט!

דזין, דזין, דזין!

באלאדע

חצות־צייט, שלאָף־צייט קלינגען גלאָקן:
דזין, דזין, דזין!
דזין, דזין, דזין!
גלאָקלען, שאָקלען זיך און שאָקלען
דאָ אַהער,
דאָ אַהין.

סקלינגט – ווער ווייסט פון וועלכן טורעם?
יעדער קלאַנג
האָט זיין זין,
גיט פאַרבאָרגענע סיגנאַלן – – –
דזין, דזין, דזין!
דזין, דזין, דזין!

אַלע אונטערטאַנען זיינע,
אַלע זין,
אַלע זין,
לאָזט ס"ם וויסן, אַז סאיז צייט שוין...
דזין, דזין, דזין!
דזין, דזין, דזין!

לצים הערן – און פאַרפלייצן
א רוין,
א רוין,

שפּרינגען, מאַכן ווילדע יעלות – – –
דזין, דזין, דזין!
דזין, דזין, דזין!

איבער בלאָטעס פליען פלעמלעך,
טאַנצן רויט,
טאַנצן גרין,
גלויבן אויגן זייער כּישוף –
דזין, דזין, דזין!
דזין, דזין, דזין!

ווערן וואַנדערער פאַרבלאָנדזשעט,
אָדמס זין,
אָדמס זין,
גלאָקן שפּאָטן – און זיי פאַלן...
דזין, דזין, דזין!
דזין, דזין, דזין!

און דער בּורא הערט און ווייטאָקט.
הילכיק=דין,
הילכיק=דין,
מאַכט סמאֵל פון אים חוזק...
דזין, דזין, דזין!
דזין, דזין, דזין!

ס״ם ווייזט גאָט אַן עולם=הפוך,
כאָטש אַנטרין,
כאָטש אַנטרין,
כאָטש אַנטלויף — דזין=דזין! — פון הימל...
נאָר וווהין?
ווי, וווהין?!

א פערד אויפן רעגן.

ווער סאיז אומעט־שווער פאַרביי אַמאָל
און געזען, ווי אין אַ רעגן־טאָג,
אונטער חשון־הימלען קריכנדיק,
שוואַרצע חשון־בלאָטע קנעטנדיק,
טראָגט דאָס מידע פערד אין אויג־אַפּל
טיפע, ליידנדיקע מענטשלעכקייט;

ווער סהאָט אָפּגעשטעלט די טריט דעמאָלט
און דעם אומעט, דעם אָן־סופיקן,
די פּאַרכשופטע־שטומע קנעכטישקייט
און פאַרשאָלטענע אומגליקלעכקייט,
די מחשבה פון „באַשערט אַזוי"
דורכגעלייענט אין די פערד־אויגן, —

יענער האָט ביז טיף אין אינגעווייד,
יענער האָט ביז טיף אין מאַרך אַריין
מיטאַמאָל דערשפירט די שרעקלעכקייט
און דעם עלנט פון זיין־לעבעדיק;
יענעם האָט זיך פונדערווייטנס דאַן
מיטאַמאָל אַנטפּלעקט די ריזן־האַנט,
וואָס אין גורל־קייטן אייזנע
שמידט זי חיה איין און מענטשן־קינד.

סוועדט אים אָפן דער גלגולים=סוד:
„פערד און מענטש – וואָס איז דער אונטערשייד?
אַך, ווער ווייס: אין יאָרן צענדליקער
וועל אויך איך אפשר, דער פוסגייער,
וועלכער זעט דאָס פערד פאַרבייקריכן
אונטער חשונדיקע רעגן=שמיץ,
אין אַ פערד=געשטאַלט פאַרבייקריכן
פאַר אַן אומעט=שווערן פוסגייער"...

קו־קו!

עס פייפן די פויגל, עס זינגען די זאנגען,
דער ויידענער ווינט האלט כסדר אין זינגען,
און פארבן, און קלאנגען,
עס נעמט נישט קיין סוף צו דעם בלענדן און קלינגען, —

נאר צווישן די טויזנטער טרעלן, וואס פליסן
דעם זומער פון מויל, ווי א ריזיקע וועל,
שניידט זיך אריין, ווי דאס קול פון א קראנקן געוויסן,
א הארבער, פארעקשנטער טרעל:
קו־קו!

צי זוכט דאס איר תיקון א בלינדע נשמה,
וואס ספעלט איר געשטאלט איצט, באגער און זכרון,
וואס בלאנדזשעט אין וואלד איצט,
אזוי ווי אמאל אין דעם וואלד פון די יארן,
און סאיז איר פון אלע אמאליקע טענער
געבליבן נאר איינער, וואס חוזקט און שפעט,
אזוי ווי א בייזער, פון קיין מענטשלעך אויג נישט געזע׳נער,
אין וואלד טיף באהאלטענער שד:
קו־קו?!

צי קלאָגט דאָס אינמיטן דעם בליען און גרינען
דער גייסט פון אַ טויטן פאַרצייטישן זומער,
וואָס קאָן נישט פאַרגינען
דער זון, וואָס גיסט שטראַלן, ווי יין־המשומר,
דעם הימל, וואָס לייכט ווי אַ בלויער גן־עדן,
דעם פעלד, וואָס זיין קלייד האָט זיך גאָלדיק
צעבליט? —
דער טויטער פאַרטראָגט נישט די פאַרביקע
פלאַמען און פריידן —
און מישט זיך אַריין אינדערמיט:
קו־קו!

אסטראל.

ביינאַכט האָב איך אַריינגעקוקט אין שפּיגל
און האָב דערזען אַ טויטן,
אַ טויטן מענטש מיט צוגעמאַכטע אויגן
אונטער אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר,
מיט ליכטלעך אין די ווערים=גרינע הענט, –
ליכטלעך, וואָס מען צינדט אַ בר=מינן צוקאָפּנס, –
און לעפּצן בלויע ווי די אייביקייט.

ליכטלעך, ליכטלעך, ליכטלעך –
קאָלירקע קאָליבריס,
צעפלאַטערטע און שטילע...
ווייסוואַרג, גרינוואַרג, גאָלדוואַרג...

ווי אַ וועכטער, וואָס באַלייכט דעם צוג
זיין וועג מיט אַ לאַמטערן,
אַזוי האָט ער מינוטן=לאַנג געשטאַרט,
מינוטן=לאַנג געשטאַרט,
און שטום אַרויסגעלויכטן מיר פון שפּיגל.
אויף זיין פּנימס געלן, ווייכן לעדער
איז געגאַנגען רחמימדיק אַ שמייכל,
געגאַנגען אָן אַן אָפּשטעל.
„איך אַליין באַדאַרף עס נישט, דאָס ליכט,
אָט האָסטו עס, אָרימער, אָט האָסטו, לעבעדיקער, –

כבין נאָר געקומען דיר אַ לייכט=צו=טון,
אַ ביסל אַ לייכט=צו=טון" – –
דערנאָך איז ער אַוועק מיט זיינע ליכטלעך
טיף אין שפיגל אַריין,
ערגיץ טיף אין שפיגל אַריין –
צוויי יתומים זענען דאָן געשטאַנען
אַליין אין דער פינסטער,
אַליין,
אָן קדיש אויף די ליפּן:
איך און מיין לעבן.

און אַלע ווײנען זײ.

פאַרנאַכט־צײַט װײנען גרויע ציגל:
„זע אונזער קריוודע, אל־נקמות!
פאַרמויערט האָבן אונז אין װענט
דעם מענטשנס בויענדיקע הענט –
און דאָך זענען אויך מיר, אויך מיר
געווען נשמות״...

און טיף אין מענטשן שלוכצן אויף
פאַרנאַכט־צײַט זײַנע פיל נשמות:
„מיר פויגל שטומע! ווײ און גוואַלד,
ווער גיט אונז װאַלד, ווער גיט אונז װאַלד?
ביז וואַנען פײַניקט אונז דער גוף,
אָ אל־נקמות?!״

נאָר צווישן וואָלקנס זיצט און וויינט
אויך ער אַליין, דער אל־נקמות:
„גן־עדן! ביזט נישט מער פאַראַן!
ווער גיט מיר אים צוריק, דעם גן?
מיט אײַער אַלטן האַר ווײנט מיט,
איר ש״י עולמות!״

פ ר ע ש.

אין פאַרנאַכטן פול שרעק
ווײַנען אומעטיק פרעש:
באַלד טוט אַלץ זיך אַ לעש —
קוואַ-קוואַ-קוואַ! קוואַ-קוואַ-קוואַ!

באַלד ווערט שוואַרץ אונזער ברעג,
שטערן קומען צוגײן
בלאַנק, ווי וועלפּישע צײן —
קוואַ-קוואַ-קוואַ! קוואַ-קוואַ-קוואַ!

„סברענט אין מערב אַ פלעק,
ווי אַ זינדיקע טרער;
באַלד פאַרלעשט-זיך אויך ער —
קוואַ-קוואַ-קוואַ! קוואַ-קוואַ-קוואַ!

מ י ר ב ל י נ ד ע

מיר בלינדע, מיר בלינדע
וואָגלען אין טיפן וואַלד,
צווישן טויזנט געהיימנישן –
און שטרויכלען, און שטרויכלען.
מען זוכט ביז מען פאַלט –
און פאַלנדיק שטאַרבט מען...

מיר אָרימע בלינדע
בויגן די מידע קני
פאַר די א י י ג ע נ ע שאָטנס
און בעטן זיך: „פירט אונז!"
דרום שטאַרבן מיר פריי –
און שטאַרבן פאַרפירטע...

און אָפט, ווען אין חשך
טאַפּן מיר אַרום,
כאַפּן מיר די נאַכט אָן
און קושן, און קושן...
אָבער מ י ר פאַלן אום –
און דער חשך בלייבט חשך...

אונזער אייגענער חלום
שטעלט אונז אויס אַ צונג.
עס ביילן און פאַרווונדן אונז

די ריזיקע בוימער.

דרום שטאַרבן מיר י ו נ ג –
מיר בלינדע, מיר בלינדע...

שפּינוועבס.

איר פעדים פון סוף זומער, פעדים דינע און לאַנגע,
לאַנגע און דינע,
פאַרפלאָנטערט צווישן בלעטער און
צעהאָנגען איבער צווייגן
האַלב געלע און האַלב נאָך גרינע, —
ווי לאַנגע פינגער, וואָס זוכן, און בלויליך־ווייס
ווי די האָר פון אַן אַלטן,
ווייזט איר זיך אויף דער וועלט,
איר אָנזאָגער פון הערבסט
און פון שטורעם דעם קאַלטן!
צו מיינע יוגנט־טרוימען גלייכט איר,
טרוימען שווינדזיכטיק־קראַנקע,
אָן האָפנונג אויף גרויסעס,
און צו ציטריקע געפילן פון הכנעה פאַר אַ נ אַ נ ק ע,
געפילן פון אַ גוסס...
איר ציטערט אויף דער זון מיט דער שרעק פון אַ נשמה
אַ לאַנג שוין געשמדטער
ביים שטן אין קלויסטער, ווען זי קלאַפּט אין גאָטס טיר
מיט געבעט און געפלאַטער — — —

מ ת י ם.

און ווי דער זייגער וועט שלאָגן צוועלף –
אַזוי וועלן קומען, ווי גרויע וועלף,
אַש־גרויע מתים צוגיין –
און פאַרפירן אַ ווילד געוויין.

אַ גאַנצע נאַכט וויינען אָפּ די וועלף,
און ווען צומאָרגנס שלאָגט ווידער צוועלף –
שטייט אָפּן דיין האַרץ, ווי אַ טיר,
און זיי גייען אריין – אין דיר.

די צווייטע נאַכט, אַז סוועט שלאָגן צוועלף,
שרייסטו צום אייגענעם שאָטן: „העלף!"
נאָר דיין שאָטן בלייבט רויק שטיין
אויף דער וואַנט – און דו ביזט אַליין...

און די דריטע נאַכט, אַז סוועט שלאָגן צוועלף,
וועסטו נישט שרייען אַפילו: „העלף!"
ווייל דעמאָלט וועסטו פאַרשטיין,
אַז זיי קומען פון דיר אַליין.

א י נ ג י כ ן.

נ׳יט מחנות מתים בין איך פול,
ווי ביינאַכט אַן אַלטע שול,
און יעדער מת - צו זיין בית-עלמין ציט ער:
„בלייכער! בלייכער!
אויף מ יי ן בית-עלמין שלאָפט זיך בעסער,
דאָרט איז די קרקע ווייכער" - - -

זיי רופן, זיי רופן -
און וואַקלדיק שטייט צווישן זיי מיין נשמה,
ווי בגילופין. . .
באַלד קומט דער טויט און קרייט
און מיין נאַכט פאַרגייט,
אין קבר פאַרקריכן
די מתים אינגיכן
און נעמען מיך מיט. . .
די זון וועט איסברענגען די טריט - - -

ס פ י נ ק ס.

ווען סשטייט די זון אין ווינקל מערב
און סזאָגט דער ווינט מיט איר „המפּיל“,
ביז זינקען נעמט איר קאָפּ — און פּלוצלונג
באַפאַלט אַ זומער=שלאָף איר אָפּל; —

ווען סעפּנט אויערן צו הערן,
ווי יינגע גאָרטן=רויזן זיפּצן
דעם טאָגס געפאַנגענע, די שטילקייט,
און לעזט פון שאָטנס די געשריפּטסן: —

ווען פריינדלעך גיסן זיך צוזאַמען
דער וועלטס צעוואָרפענע ניגונים,
און אַ פאַרהערטער ציט דעם חלום אויס
דער שטאַנג, וואָס שטייט איבערן ברונעם; —

ווען ערגיץ הויך דאָרט, ערגיץ ווייט דאָרט,
אין וואַלד פון הימלען בלויליך=מאַטע,
פאַרבלאָנדזשען שטערן, ווי די קינדער,
און פרעגן: „ווו איז אונזער טאַטע?“ —

דאַן רעדט צום גייסט, וואָס לעבט אין מענטשן,
אַ ספינקס פון וווּנדער=אַלטן עלטער,
אַ ספינקס פון וווּנדער=קלוגער קלוגשאַפט,
און טיפע רעטענישן שטעלט ער.

און סקוקט אַרויף צום הויכן ווונדער
דער גייסט, דער שקלאַף, ווי צו אַ קייסער,
און קען נישט טרעפן, וואָס עס פרעגט אים
דער ס פ י נ ק ס, דער אָפּגרונד־טיפער ווייסער...

בעטלער.

סאָנעט

עס שטייען בעטלער אַלטע, בלייכע, הייליקע
אויף פּאָרשטעט־גאַסן ברייטע, ווייטע, ליידיקע –
און שאָקלען קוים מיט לעפּצן מיט אָנריידיקע
און מורמלען תּפלות שטומע און אָנציילקע.

אין ווייטע פרומע וועלטן ערגיץ בלאָנקען זיי.
דאָס קאַלטע פּנים שיינט זיי אור־הגנוזדיק,
גלייך סוואָלטן שטערן פּאָטערליך־רחמנותדיק
פון ערגיץ הויך מיט ליכטיקייט באַשאָנקען זיי.

זיי נעמען דיין נדבה אָן די גראָשענע
מיט פינגער געלע, פּראָסטיקע, געבויגענע,
מיט ביטול, מיט דער שטומסטער פון פאַראַכטונגען.

אָפּט דוכט: דאָס זענען אָדלערס ווייט־
פאַרפלויגענע,
וואָס מילביק איז די ערד זיי, די פאַרלאָשענע,
נירוואַנאַ־לייט, פאַרזונקען אין באַטראַכטונגען...

ראַביאַ, די הייליקע נזירה.

אַראַבישער סיוזשעט

אַ גאַנצע נאַכט פלעגט ראַביאַ זיין וואַך.
זי פלעגט זיך שטעלן דרויסן אויפן דאַך,
פון אַלעם בלינדן, ערדישן זיך אויסטון,
צו גאָט די שלאַנקע אָרעמס אַ שפרייט=אויס טון,
און זאָגן: „דיך באַגריסן טו איך איצט,
אַלאַהּ געליבטער מיינער, וואָס דו זיצסט
און קעניגסט צווישן שטערן! פון דער הויך,
אַ אויסדערוויילטער, טראָגט זיך מיר דיין הויך,
און כשפיר דיין קוש אין פליען פון דעם ווינט,
אין יעדן שאָרך, וואָס פלאַטערט און אַנטרינט,
און סקלאַפט מיין הארץ, און גלוסט דיך,
און באַגערט.

איצט פרייען זיך די פרויען פון דער ערד
אין דעם געליבטנס שטיל=געהיימען צימער.
נאָר איך, פאַרליבט אין דיר און אין דיין שימער,
אין דיר און אין דיין ליכט, – מיר איז זי פרעמד,
די תאוה מיט איר זיסיקייט, וואָס קלעמט.
אויף מיינע ליפן ציטערט אַ געלעכטער,
פול שפּאָט אויף חוהס לייכטזיניקע טעכטער,
וואָס האָבן נאָך דיין ליבע נישט דערקענט:
דאָס בלוט דערקוויקט זיי–און דאָס בלוט
פאַרברענט!

זיי קענען נישט דיין ליבע, וועלכע רייניקט,
ווי גליק האָט זיך מיט רויקייט פאַרייניקט,
און פרעמד איז זיי די זיסקייט פון דיין קוש,
און פרעמד דיין ווייטער, שטערן=בלויער גרוס,
דיין גנאָד=בליק, דו מיין שטערנרייכער קייסער!
אַ קוש מיך, קוש, געליבטער מיינער, הייסער
און לאָמיך הערן דיין געהיימע שפּראַך״ –

אַ גאַנצע נאַכט פלעגט ראַביאַ זיין וואַך...

אנורגען

אלקאראניש.

I.

די נאַכט על=קאַדר – עס גייט אין איר
נישט טרויער אָן, נישט האַס,
ביז מאָרגנרויט איז פרייד אין איר
און רויקייט אַלאַהס.
אין יענער נאַכט האָט אויפגעגליט
אַ ליכטפולער קאָראַן,
מיין רויז האָט דעמאָלט אויפגעבליט,
באַגאָסן פון גאָטס קאַן.
געשיקט האָט ער זיין שר צו מיר,
צום קנעכט זיינעם מאַכמעד,
און גלייך האָט זיך דאָס האַרץ אין מיר
אויף נביא=שפראַך צערעדט...

די נאַכט על=קאַדר – עס גייט אין איר
נישט טרויער אָן, נישט האַס,
ביז מאָרגנרויט איז פרייד אין איר
און רויקייט אַלאַהס.
דעם שטנס ווערטער שטומען דאַן,
עס ווייכן זיינע דזשין;
מיין גאָטס מלאכים קומען דאַן
צו אָדמס בעסטע זין.

זיי קומען און זיי נידערן, –
זאָל זיין אַלאַה געלויבט, –
מיט הימלען צו פֿאַרברידערן
דאָס מענטשנקינד, וואָס גלויבט!

ח.

גרייט, גרייט איז שוין די שעה פון זייער טרויער!
עס נעענטערט זיך די פירכטערליכע צייט,
וואָס ברילט, ווי ייִנגע לייבן אויף דער לויער,
און נעמט נקמה פון די שלעכטע לייט.

זײַן מויל וועט זיך פאַרטריקנט ביי זיי שוואַרצן
די צונג, וואָס האָט געלעסטערט און געזויפט;
דאָס בלוט וועט זיי אַרויסרינען פון האַרצן,
די האַרטע הוט=השדרה ווערט צעשרויפט!

סלויפט אָן דער טאָג – וועט אויפציטערן יעדער;
מען שלעפּט רשעים פאַר די הענט און פיס,
דעם הימלס פנים ווערט ווי רויטע לעדער
און שפּאַלט זיך מיט אַ פייערדיקן ריס.

אַ בריק וועט זען דאָס מענטשנקינד זיך הויבן,
אַ תהום וועט זיין צופוסנס פון דער בריק –
און ווי וועט זיין די אָרימע אין גלויבן:
איך שווער, זיי ברעכן האַלז דאָן און געניק!

דאָך איר – איר ווערט פאַרבעטן אין גן=עדן,
מאָשלעמס, וואָס גייט אויף וועגן פון דער וואָר!
אָן גרינע קישנס לענט איר אייך באַשיידן
און ייִנגע הוריס גלעטן אייך די האָר.

אַלאַה האָט זיי מיט ווונדערליכע חנען
באַשאָנקען פאַר די קינדער פון איסלאַם,
און זעסטו זיי אין גאָרטן – קערסטו מיינען,
אַז ס'שימערן דאָס פערל אין אַ ים

אונשטערבליכע גן=עדן=יינגלעך ברענגען
דעם בעסטן וויין אַ גלויביגן מאָשלעם.
אין שאָטן פון באַנאַן וועט ער פאַרברענגען, –
און וואָס ער זעט=נאָר – בעט זיך ביי אים: „נעם!"

ה י י ל י ק י י ט.

דעם ווײַן פון רײַנער געטלעכקייט צו טרינקען,
מיט מעסער־שאַרפע, הייליקע יחודים
דערגרייכן ביז צום אָפּגרונד פון גאָטס האַרץ —
און הערן גאָטס מרכבה יעדן טאָג.
פאַרבײַפאָרן אויף דונערדיקע רעדער:
דאָס איז אַ הויכער גורל, וואָס נישט יעדער
קריגט במתּנה אויסגעשמידט פון אונטער
דער וועלט־השגחהס פאָרזיכטיקן האַמער.
באַשערט איז עס דעם נזיר נאָר אַליין.
דער נזיר האָט קיין חבר נישט, חוץ א י ם,
דעם גרויסן ע פ ע ס, וואָס באַשאַפט דעם גאָרנישט.
זיין וואַלד־שטיבל, וואָס ווייסט זיך צווישן בוימער,
איז אַ געהיימער יחוד אינם האַרץ
פון דער יצירה: טרוימען, וואָס זי זעט
בשעתן שלאָפן נאַכט־צייט אינם טוי־העמד,
מחשבות, וואָס באַלאָדן אירע וואָלקנס,
געפילן, וועלכע שרייען אין איר ווינד —
אַלץ זוכט ביים שטיבלס שוועלן זיך אַ תּקון.
זע, סבויגט זיך חשבון־נפשדיק און פרום
דאָס שטיבל, ווי אַ ייִד אונטערן טלית,
די ריינקייט ליגט דער טיר זיינער צופוסנס
און סזיצט פאַרטראַכטע אונשולד אויף זיין דאַך.

עס קומט אַליין מטטרון, שר הפנים,
צו היטן אים און שיצן מיט די פליגל,
דער ווינט פון עולם־הבא יאָגט דעם רויך,
וואָס טראָגט זיך פון זיין קוימען; זיינע ווענד
פאַרהילט די שכינה מיט אַ ווייסן שלייער,
און ספּליען הללויה׳ס צווישן זיי,
ווי אייביק־פרייליכע פויגלען פון גן־עדן.
די פענסטער זיינע שפּיגלען אין זיך אָפּ
די זון פון אַנדערע, פון הויכע וועלטן,
זיי לאָזן דורך גאָטס וואָרט צום מענטשנס אויער,
אויף זייער בוזעם שפּילן־זיך ווי קינדער
די ווייטע שטערן, — און נישט שרעקט זיי שטורעם,
אַ שלאַקס־רעגן ווערט שטיל, ווען ער באַרירט זיי.
אַ וואַנדערער בלייבט שטיין, ווען ער דערזעט זיי:
עס טראַכט זיך אים פון קינדהייט, פון דער מאַמען,
וואָס איז שוין לאַנג געשטאָרבן, און פון תּפילות,
וואָס זענען פאַר דער טיר פון לעצטן היכל
געבליבן הענגען מיט די קעפּ אַרונטער,
ווייל סהאָט אינמיטן פליען זיי געשכטן
דעם טייוולס האַנד.
ער וואַגט נישט מיט זיין פוס
די שוועל באַטרעטן, ווו עס וווינט דער נזיר:
ווי איינער, וואָס זעט אויפשטייגן דעם שאָטן
פון זיין שוין לאַנג געשטאָרבענער געליבטער,

ווייל קושן - שרעקט זיך, אויספרעגן - און שטומט,
ווייל פאַלן אויפן האַלדז - און טרעט צוריק, -
אַזוי בלייבט שטיין דער וואַנדערער פון ווייטנס
און דריי מאָל „קדוש" שפרינגט אין אים
דאָס האַרץ
אַנטקעגן די עניוותדיקע פענסטער.

פ אַ ר נ י ש ט ג ל ו י ב ן.

עס האָט מיר געחלומט: אַ רויטשטיקל האַרץ
וואַרפט זיך אומאויף אַ תל יה,
און דערנעבן שטייט איינער און רייסט
אין דער פינסטערניש קריעה...

און סגייט דורך אַ מאַטראָס און אים וווּנדערט
„דאָס האַרץ איז אַ ברודער
געוועזן דעם ים – און איצט הענגט עס
גאָר אָן גערודער"...

און אַ קצב=יונג קומט – און ער טוט
אַ צי פאַרן שטריקל:
„סהאָט די ש מ אַ ט ע געמוזט אמאָל זיין
אַ פריש שטיקל"...

און אַ הפקר=פרוי נעמט עס מיט ווערטער
נישט ריינע באַשמוצן:
„פלייש צו פלייש איז נישט גלייך –
נאָך וואָס קען עס נוצן?"

און אַ זילבערנעם פינגער ציט אויס
אַ מ ל א ך פון אויבן,
ווייזט אָן אויפן האַרץ און זאָגט שטריינג:
„פאַר נישט גלויבן"...

ווי אזוי ווערט געבוירן א ליד...

ווי אזוי ווערט געבוירן א ליד?

ווען עס עקלט פון טעגלעכע רייד;
ווען אויף אָנטאָן דאָס טיפע א קלייד
לויט א נייעם און אייגענעם שניט,
זוכסטו שטאָפן אי פאַרביק, אי שטאַרק,
וואָס אַזוינע פאַרמאָגט נישט דער מאַרק,
נאָר דער אָבגרונד פון טיפסטן געמיט;
ווען א שפּאַלט ווערט אין פינסטערן פעלז
פון דיין לעבן — און סבלויט עפּעס העלס
דורכן שפּאַלט, בלענדט די אויגן און ציט; —
דעמאָלט זינגט ביי דיר טיף אין געמיט,
און עס ווערט דיר געבוירן א ליד.

ווי אזוי ווערט געבוירן א גראַם?

ווען עס נעמט דיך א קלאַנג אין זיין יאָך,
דו הערסט קלינגען אים אָבער און נאָך,
און דו זוכסט — ווי א פּערל אין ים —
אים א חבר, אי ליכטיק, אי רייך,
וועלכער זאָל אים אינגאַנצן זיין גלייך;
וועלכער זאָל, ווי א קויל מיט א פלאַם,
אייביק איינס זיין מיט אים און געקניפּט, —

דאַן צעזינגט זיך דיין זעל, ווי פֿאַרליבט,
ווייל אויך זי זוכט אַ פריינט און אַ גראַם,
און דערמאָנט זיך איר פּלוצלונג די היים —
ווערט ווי פון־זיך געפונען דער ריים...

א תפלה.

דער נשמהס תיבה נישט לאָז פאַרלירן
וועגן, וואָס פירן
צו דיר אין מיטן דעם לעבנס מבול,
און שטעל זיך אַוועק, דו איר שטאַרקער בויער,
פאַר איר ענגן צהר,
דורך וועלכן עס גלאָצט אויף איר ס"ם=מחבל!

איר בלויע אונשולד נישט לאָז אים שענדן,
זאָל אירע לענדן
באַגאַרטלען דער גלאַנץ פון דיין העכסטער ספירה,
און היל זי, גאָט, אין דיין העלסטער הילונג,
און קילסטע קילונג
שיק פון גן=עדן איר פלאַם פון כפּירה!

נאָר אויב זי פערדינט נישט – לאָז זען כאָטש,
ליבער,
ווי ס'פליט פאַריבער
דיין גלאַנץ – און ווײַלט דאָ אַ פּאָר מינוטן!
לאָמיך בלינד נישט פאַרבייגיין די שטומע בליצן,
וואָס פון דיינע שפּיצן
באַלייכסטו מיט זיי דעם וועג צום גוטן!

לאָמיך בלינד נישט פאַרבייגיין דעם הויכן ל יי ט ע ר,
װאָס לייכטנדיק גייט ער
צום טויער פון הימלען — און, גאָלדן=פרישע,
באַלאַגערן, ווי אין יעקבס טרוים, זיינע טרעפּלעך
מלאָכימשע קעפּלעך,
וואָס ווינקען אַראָפּ צו ילודי=אשה. .

אויב נישט דיין אייביק=פאַרהוילטן פּנים —
לאָז כאָטש סימנים,
סימנים זען פון דיין הויכן ווילן !
נאָר אויב אויך ד אָ ס איז אין דיינע אויגן
צו הויך געפלויגן :
טאָ לאָז כאָטש דערפיהלן, כאָטש בלויז ד ע ר פ י ה ל ן!

קאַראַן-מאָטיוו.

פון הייסע, מיט תאוה באַגאָסענע נעכט,
וואָס שרעקן די קינדער פון אדמס געשלעכט
און רופן צו זינד דעם פאַרפּירטן, דעם שלאָפן, —
אַנטלויף איך צו דעם, וועלכער האָט זיי באַשאַפן,
אַנטלויף איך צו דיר!

פון פינסטערן שטן, וואָס רעדט אַזוי שטיל,
און רוימט מיר זיין סוד איין, און מאַכט ווי אַ מיל
דאָס האַרץ אין מיר רוישן, און וויל מיך פאַר-
שקלאַפן, —
אַנטלויף איך צו דעם, וועלכער האָט אים באַשאַפן,
אַנטלויף איך צו דיר!

און פון דעם בעל-קנאהס פאַר אויגן, וואָס גליט,
און פון מכשפות, אין שפּרוכן געניט,
וואָס זוכן מיר קראַנקהייט און טויט צו פאַרשאַפן, —
אַנטלויף איך צו דעם, וועלכער האָט זיי באַשאַפן,
אַנטלויף איך צו דיר!

גלגולים־טאַנץ.

אַלע זענען מיר גלגולים!
יעדער איינס איז אַ מיליאַרד!
פורעם גיסן מיר אין פורעם,
נישט גערוט און נישט געוואַרט.
שטורעם גיסן מיר אין שטורעם,
אָקעאַן אין אָקעאַן,
יעדע שעה וואַקסט אויס אַ בבל,
יעדע רגע – אַ מאָנבלאַן!

כבין געווען, געווען, געוועזן,
נישט פון נעכטן בין איך הי,
נישט איין קראָך בין איך געקראָכן
און געפלויגן נישט איין פלי.
כבין געשווומען צווישן פישן
אין אַטלאַנטיקס טיפן תהום,
זיך געטראָגן צווישן שטערן
אויף דעם אין־סופס היפּאָדראָם,
זיך געשאָקלט, זיך געשפּיגלט
אין דער שויב פון טעלעסקאָפּ,
פון דער הויך געגאָסן שטראַלן
אויף אַ יתומדיקן קאָפּ.

אין גאָטס בוך בין איך געווען
אַ נקודה אָן פאַרנעם,
און אַ טרער אויף איינעמס ברעמען,
און אַ טרייסט אין איינעמס קלעם.
לאַנגע יאָרן, שוואַרצע יאָרן
בין איך אָפּגעווען אַ קרעט,
שטיקער ערד געקייט, געוועלגערט,
נישט געזען און נישט גערעדט.
כבין געווען אין אַ מפּולת
צווישן לצים פּיל אַ לץ,
און אַ קאַץ אין טיפן קעלער,
די פאַרוואָרפנסטע פון קעץ.
איבער דורות, איבער ערטער
האָב איך ווילעריש געהיפּט
אין אַ דענקער=קאָפּ, און ערגיץ
שווער געוויטאָקט, טיף געליבט.
אַלע לענדער אין מיין טיפקייט,
זייער שטורעם, זייער מאַי,
דאָרטן רוישט די מיסיסיפּי,
טרוימען נילוס און דונאַי:
היי, אַמעבע, קליינע שוועסטער!
שוואַרצער ברודער האָטענטאָט!
אַלע איילן מיר צום אויסלייז,
צום גלגולים=אויפלייז — ג אָ ט!

הײ, געדרײט זיך און געדרײט זיך,
ביז ס'פֿאַרוװישט זיך גרױס און קלײנס,
ביז מיר שאַפֿן נײען תּוהו –
פֿרײען געטלעכן אַלץ-אײנס!

* *

*

און דער ווייַן, וואָס שוימט אין כּוס,
און דאָס ליכט, וואָס צאַנקט אום חצות,
און די מושעל אויפן טיש,
וואָס דאָס ים־געוויין איז איר
אין זכּרון אייביק פריש, —
אַלע ברומען זיי אַזוי:
„אָך און ווײ! ווײ און אוי!
גאָט, דערבאַרעם דיך אויף אונז,
דערבאַרעם דיך אויף אונז!"

און די גאַסן־פרוי ביים ראָג,
און אין קלויסטער־טורעם דער גלאָק,
אויף דער קאַלטער שויב — די פליג,
און דער צוג, וואָס שרייט ביינאַכט,
ווי אַ האַרץ, וואָס שרייט נאָך גליק, —
אַלע קלאָגן זיי אַזוי:
„אָך און ווײ! אָך און אוי!
גאָט, דערבאַרעם דיך אויף אונז,
דערבאַרעם דיך אויף אונז!"

אורחים.

מיר אורחים — מיר וואָרצלען זיך קיינמאָל נישט
איין
אין ערדישע זאַמדן, אין דיין און אין מיין.
מיר זענען אַ קרעכץ נאָר, אַ ווינט, אַ מינוט,
אַ וואָלקן אין מערב, פול שאָטן און בלוט.
און פרעמד איז אונז אַלץ, וואָס געזעצט איז און
פעסט,
אונז, בליצן אָן הימלען, אונז, פויגל אָן נעסט.
מיר בינדן זיך קיינמאָל נישט צו צו קיין זאַך,
מיר דאַרפן דאָס הויז נישט — מיר זוכן דעם דאַך.
מיר דאַרפן די ליבע און האַסן די פרוי —
און לעבן? מיר נעמען די זאַך נישט גענוי...
און וואָס איז אונז גרעניץ און וואָס איז אונז
תחום?
אַן ערגיץ אָן גרעניץ לאָזט גריסן אונז פרום.
דאָס אייביק-באַוועגלעכע ציט אונז אַריין,
און — דאָס אוממעגלעכע ווערט פאַר אונז זיין!

פ אַ ר ב ײ װ אָ ג ל ע ר.

מען דערקענט אונז גלײך נאָכן קול.
מיר ענטפערן נישט װי אַלע
אויף דעם: „װ ע ר א י ז?״ —
און מען עפנט אונז די טיר נישט.
אײליק זינגען אונזערע טריט,
אײליק זינגען זײ נישט־היגע גלוסטונג.
אין אונזער אויג האָט זיך באַזעצט
דער אָפּגלאַנץ פון דער שװערד,
װאָס היט פון קדומים דעם גן־עדן.
אונז האָט מען אין גן־עדן נישט אַרײנגעלאָזט,
געבליבן איז בלויז יענער אָפּגלאַנץ.
אָבער —
אונזער האַנט װעט נישט אויפהערן צו געדענקען
די צײט, װען זי איז
געװען אַ צװײג פון אַ געטלעכן בוים
אין אַ װײטן גאָרטן,
אונטער װײטע הימלען פון אַ װײטן מאַי.
מיר, פאַרגעסענע,
קענען נישט פאַרגעסן.
אין דושנע ערד־נעכט
לויפן מיר פאַר אײערע קאַלט־כראָפּנדיקע װענט
און הויבן העלזער װי די ברונעם־שטאַנגען אויף —

זיי האָרכן,
די שטאַנגען,
דאָס נאַכט=געררויש פון נישט=היגע ברונעמס.
מיר זענען
סיגנאַלן, וואָס זינגען.
מיר זינגען
אַ געזאַנג פון וואַנדערנדיקן פייער.

ב ר ו נ ע ם = ש ט אַ נ ג ע ן.

ברונעם=שטאַנגען אָונט-צייט –
דאַרע מקובלים,
האָרכן ווי דער ב ר ו נ ע ם שווייגט,
האָרכן ווי אין חלום.

ברונעם=שטאַנגען אָונט=צייט –
פינסטערע פרצופים;
קוקן איבער וועלט אַוועק,
מאכן שטיל צירופים.

ווי די קעמלען הויבן זיי
העלזער הויכע, דאַרע. . .
קעמלען ווייט=פאַרבלאָנדזשעטע,
קעמלען פון סאַהאַרע. . .

וואָס זיי זעען ווייס מען נישט. . .
וואָר איז עס, צי חלום? –
ברונעם=שטאַנגען אָונט=צייט,
דאַרע מקובלים. . .

ט ה ר ה.

האָסטו געזען פאַרנאַכט=צייט, ווי עס שווימען
בויגיק=קלאָראויגיק=שטאָלצע שוואַנען,
איז ווען געשוואומען מיט זיי דיין האַרץ
און זיס געאַהנט אַ הייליק אַהנען?

קיין מערב פאָרן בלוטנדיקע פענסטער,
בידעריק, נידעריק זעצט אַ זון זיך, –
און אַלץ שווימט מיט, און נישטאָ קיין סוף,
עס שווימט אַלץ, שווימט און באַוועגט=זיך
פון=זיך...

די שוואַנען פאָרן שטיל בראש פון אַלע,
עס שנייט און עס שווימט אַ שטיק ווייסע טהרה,
און סצוואָגן די שוואַנען אַ קינד — די וועלט,
וואַשן אַראָפּ פון איר אַלדאָס שטאַרע...

און ווען דעם טויטן טאָג דעקט צו אַ לאַנגער,
פון פלעקיקע שאָטנס געוועבטער טלית,
בלענדט דעם אָוונטס פאַרדונקלט אויג
זייער ווייסקייט, ווי אַ התגלות...

ש כ י נ ה.

פאַרנאַכט, פאַרנאַכט, ווען סמישן-זיך
אין מערב גאָלד מיט אַש,
און שרפים ריידן צווישן-זיך
און סטרויערט אַ בר-נש;

ווען קערפּערס ווערן ווינקלדיק,
פאַרלירן דעם קאָליר,
און שטערן קומען פינקלדיק,
ווי שומרים פאַר גאָטס טיר; —

ווען סוועבט זיך דאָס געפּילדער אויס
פון ברוק און טראָטואַר,
און סמאָלט אין שאָטן בילדער אויס
דעם עברס מילדער שר; —

דאַן רעדט דיין שטילע שטים צו מיר,
וואָס גייט ווי פון אַ ים,
דאַן קומט דיין בילד און שווימט צו מיר
און פלאַטערט אָן אַ ראַם.

דיין גאַנץ געשטאַלט באַנעם איך נישט,
איך פיל נאָר, אַז דו ביזט;
ווו ליגט דיין גאָרטן ווייס איך נישט —
איך ווייס נאָר, אַז דו בליסט.

דו בליסט אין זיבן בליונגען!
דאָס האַרץ מיינס, דאָס געפּלעפּטס, —
עס ציט מיט טויזנט ציונגען
צום גינגאָלד פון דיין לעפץ.

מיט ים=אָטעם פאַרפלייצסטו מיך,
מיט ליכט פון אֲדוֹנָי,
אַ קוק — און גלייך אַנטגייסטו מיר.
דו וווּנדערשיינע פרוי!

תטהרו!

ווי איינער, וואָס מאַכט הערצער אונטערטעניג,
און ווי אַ חתן, גייענדיק צום טאַנץ,
און ווי אַן אייביק=בליענדיקער קראַנץ,
וואָס צירט די ווייסע שלייפן פון אַ קעניג, —
האָט כהן=גדול אויסגעזען פאַרצייטן,
אין יענעם טאָג פון הייליקן פאַרגעבן,
ווען ער האָט פאַר דאָס פאָלק געבעטן לעבן
און פרידן פאַר דעם נאָענטן און ווייטן.
און ס'איז געווען דאָס וואָרט, וואָס פלעגט זיך ווייזן
אויף זיינע ליפּן — שטאַרקער ווי דאָס אייזן:
„תטהרו!"

און, ווי מיט קלאָרע וואַסערן אַ ברונען,
איז זיין געזיכט געפילט=געווען מיט גייסט,
און ס'האָט געדאַכט, אַז ס'שטייט עמיץ און ווייזט
דעם וועג צום הימל און צו זיינע זונען.
דאָס גאַנצע פאָלק, ווי בוימער אין אַ וואַלד,
פלעגט טון אַ ציטער, בויגן=זיך און לויבן,
און נאָר פון כהן=גדול דאָס געשטאַלט
האָט שטאָלץ זיך איבער אַלעמען געהויבן.
פון אויבן האָט זיין שטימע זיך געטראָגן —
און ס'האָט אין אַלע הערצער אָפּגעשלאָגן:
„תטהרו!"

און מיר, אַ דור אַ טויבער און אַ שטומער,
וואָס לויפט זיין וועג מיט שנעלקייט פון מאָטאָרן,
וואָס אָן גאָטס גייסט טוט ברענען אונזער דאָרן
און סשטאַרבט פאַר אונז די זון אינמיטן זומער, —
מיר האָבן נישט קיין כהן, וואָס זאָל ווידער
מתפלל־זיין און וידוי פאַר אונז זאָגן,
וואָס זאָל אויף זיינע ריזן־פליגל טראָגן
די גרויסע לאַסט פון אַלע זיינע ברידער.
וואָס ווי אַ דונער אין פאַרמאַכטע טירן
זאָל אונז זיין וואָרט אַ קלאַפּ־טון אין געהירן:
„תטהרו!"

עולימתא.

שלאַנגען – שלאַנגען – שוואַרצע שלאַנגען –
שוואַרץ – שוואַרץ – אינגאַנצן שוואַרץ...
פאַנגען וויל מען מיך – פאַנגען – פאַנגען –
מאַכן מיין האַרץ אַ שוואַרצס – אַ האַרטס...
שוואַרץ – שוואַרץ – אינגאַנצן שוואַרץ...

אויגן – אויגן – דעם טייוולס אויגן –
זינד – זינד – אינגאַנצן זינד...
בויגן וויל מען מיך – בויגן – בויגן –
און אַך, אַט בינדט מען-מען בינדט-מען בינדט...
זינד – זינד – אינגאַנצן זינד...

כּרובים – כּרובים – געבענטשטע כּרובים –
ווייס – ווייס – אינגאַנצן ווייס...
פון בּייזן דערלייזן אַ בן-טובים –
מיט זיך מיט פלייס – מיט פלייס – מיט פלייס...
ווייס – ווייס – אינגאַנצן ווייס...

עולימתא – עולימתא – עולימתא שפּירתא –
ריין – ריין – אינגאַנצן ריין...
מוטער! קעניגין פון פּאַרפּירטע!
זע, אַט ווייז איך – איך ווייז – איך ווייז...
ריין – ריין – אינגאַנצן ריין...

י ם.

איך ווייס, אַז דו ביזט איך,

אָ דו ווילדסטער פון ערגיצן, ערגי׳ץ אָן גרענעצן!

אין מיר, אין מיר

זוניגט דער אָנהויב פון דיין אונענדלעכקייט.

מאַטראָסן לייגן:

זיי זאָגן, אַז דו האָסט אַ צווייטן ברעג;

ספּאַרפירן שיפן:

דיין ווייטקייט האָט נאָך קיינמאָל נישט געשלאָגן

דעם קאָפּ אָן אַ יבשה.

ווי קענסטו ענדלעך זיין,

ווען איך און מיינע וועלטן זענען

אומענדלעכקייטן טויזנט,

ווען איך און מיינע וועלטן זענען ד ו ?

זינג מיר די לידער פון מיין פּאַרצייטנס,

טיפע לידער פון מיין ווייטסטן אָנהויב,

דו בלוי פּאַנאַנדערגעגאָסן האַרץ,

דו ריזיגער אָטעם,

דו דאָפּלטע אַנטפּלעקונג פון מיין איך:

אומענדלעכקייט און אָנהויב.

גלויבן.

און רויבט איר די טרוימען די לעצטע מיר אָפּ –
דאַן בלייבן די טרערן מיין גוטס און מיין האָב.
און טריקנען אויס אויף דער ערד מיינע טרערן –
דאַן בלייבן מיר איבער אין הימל די שטערן;
און פאַלן די שטערן און ווערן פאַרשוואונדן –
דאַן בלייבט נאָך דער גאָט מיר, וואָס האָט זיי
געצונדן:
ווי שווער סזאָל נישט דריקן מיך ערדישער יאָך –
בלייבט אייביק אַ רעשט מיר, בלייבט אייביק
אַ נאָך.

נאָר רויבט איר דעם גלויבן דעם לעצטן
מיר אָפּ –
וואָס בלייבט פון מיין גוטס מיר, וואָס בלייבט פון
מיין האָב?
די טרערן אין אויג און אין הימל די שטערן –
וואָס וועט פון זיי ווערן, וואָס קען פון זיי ווערן:
עס וועט פון די טרערן פאַרבלייבן נאָר וואַסער,
פון חרבע שטערן – אַ נעפּל אַ בלאַסער,
און איבער די חורבות, און איבער די שפּליטער
וועט וויינען אָן טרערן דער מלאך, מיין היטער,
וועט זיצן פאַרשטאַרט, ווי אַ שטומער געשריי,
מיט קריטיקע פליגלען, צעבראָכן אויף צוויי,

ווערט אייביק די ליפּן אין ברוגז פאַרבייסן
און ווערט שוין צום הימל דעם קאָפּ נישט פאַררייסן,
מיט שטראַלן אין אויג נישט אַרויפקוקן אויבן,
צום אָרימען גאָט פון מיין נעכטיגן גלויבן,
און איך וועל, אַ בר־מינן, ליגן אין אָרון
פון שוואַרצע זכרונות, פאַרלאָשענע יאָרן,
דעם נאַקעטן נאַכט־שאָטן רוף איך מיין ברודער,
און בין ווי אַ שיפל, וואָס שווימט אָן אַ רודער,
און בין ווי אַ לייב, וועלכער האָט נישט קיין רויב,
און בין אין דעם מדבר פון מענטשן — אַ שטויב.

און רויבט איר דעם גלויבן דעם לעצטן מיר
אָפּ —
וואָס בלייבט פון מיין גוטס מיר, וואָס בלייבט פון
מיין האָב?

איבערלעבונג.

עס צעפאַלט זיך די שטאָט,
עס צעפליען זיך גאַסן.
צו אַ ים אין דער טיף
לויפט אַ שלל פון טעראַסן.

און דער ים לויפט און שרייט,
עפּעס לויכט ער און שרייט ער,
און פון יענער זייט ים
ווינקט אַ ווייסער, אַ ווייטער...

די נשמה אין גוף
ווערט אַלץ לייכטער, אַלץ לייכטער...
ספּליט און פלאַקערט דאָס ליכט,
סליגט צעבראָכן דער לייכטער.

א ײ נ צ י ק ײ ט.

אַלץ איז ענדלעך, אַלץ אומענדלעך;
אַלץ פֿאַרשטענדלעך – נישט פֿאַרשטענדלעך;
ג ר ו י ס אַלץ – גרעסער קען נישט געבן;
ק ל ײ ן, וואָס קלענער קען נישט זײַן.
אַלץ איז טויט און אַלץ איז לעבן,
אַלץ איז נ י שׁ ט־זײַן, אַלץ איז זײַן!
אַלץ איז טיף, נישט צום פֿאַרשטיין,
פֿון דעם ווילדן ים־אוקינוס
ביז צום שווײַגנדיקן שטײן,
און פֿון ווערים ביז נשמות.
אַלץ איז אָפֿן און פֿאַרבאָרגן,
אי סאיז אמת, אי עס שײַנט;
אַ פֿאַרשטעלטער הײַנט – הײסט מאָרגן,
אַ פֿאַרשטעלטער מאָרגן – הײַנט.

לײַב פֿון וואָרים שײדט די ג ר ו י ס,
בלוט פֿון וואַסער – דער כּ אָ ל י ר;
אין אַ דאָרן בליט אַ רויז,
אין אַ זידל־וואָרט – אַ שיר.
און נאָר אײנער איז דער לײטער:
גרײכט צום הימל, גרײכט צום תּהום.
פֿון אײן כּלי צו דער צווײטער

גיסט-זיך אַלץ דערזועלבער שטראָם —
אַלץ איז קערפּער, אַלץ פאַנטאָם!

וואָלט די וועלט זיין פּוסט און טויט
און פון גאָרנישט נישט באַשטיין,
חוץ פון עפּעס דאָרט אַ שטיין
ביי אַ וואַקלדיקן פּלויט, —
וואָלט פון יענעם שטיין אַליין
אַלץ אויפסניי געקאָנט אַנטשטיין.
דען אין אַלץ, וואָס האָט געשטאַלט,
שלאָפט אַ וועלט, ווי אין אַ וויג,
און עס ברומט אַ גאַנצער וואַלד
אין דעם זשומען פון אַ פליג.
מיט דעם שעפערס ערשטע פרייד
לעבט אָן-אויפהער די יצירה,
און אַ זאַך איז גאָטס אַ קלייד,
איטלעך וועזן איז אַ ספירה!

װען ברעג צום צװײטן
זינגט אריבער

דוד און יהונתן.

ואם יש בי עון המיתני אתה
ועד אבך למה-זה תביאני.
(שמואל א׳, כ׳-ח׳)

טויט מיך, יהונתן, און זאָלן לאַכן
די אויגן דיינע מילד,
ווען פון מיין בלוט וועט רויט=ווערן דיין שפּיז!
אין קבר, ווו דיין האַנד וועט מיך פאַרמאַכן,
פאַרטראָגט מיין האַרץ דיין בילד,
און סליגט דיין שאָטן נאָך פאַר מיינע פיס...

סאיז טיפער מיין פאַרלאַנג פון דומהס טאָלן
און פלאַמיגער ווי ווייַן;
אין דיינע אָדלער=אויגן לייכט מיין זון!
ווי קען איך שאולן מיט שנאה צאָלן,
אַ ברודער זיסער מיין,
ווען דו, מיין האַרץ=ליבסטער, ביזט שאולס זון?...

ווען שאול וואַרפט זיין שפּיז אין מיר דעם
שווערן
און טרעפט די שטומע וואַנט,
צי שיקט ער נאָך מיר טויט=שליחים אַרויס:
אָ, אַרט מיך נישט מיין טויט, איך קען דיר
שווערן, —
עס ברענט מיך לויטער שאַנד
פאַר דיר, יהונתן, פאַר שאולס הויז!

און כוויל נישט, אַז דיין פּאָטער זאָל
באַשפּריצן
זיין צאָרן מיט מיין בלוט,
נישט ווייל מיך שרעקט אבדונס שוואַרצער
שלאָף, —
נאָר ווייל דיך וואָלט גאָטס פלוך נישט לאָזן
זיצן
אויפן טראָן דיינעם באַרוט,
און אויף דיין זוימען פאַלן וואָלט זיין
שטראָף!

דו זעסט דאָס פעלד? — דאָ וועל איך מיך געפינען
דריי אומעטיקע טעג,
צום קעניגס מאָלצייט קום איך נישט צוגיין...
קען זיין, מיין קעניגס צאָרן וועט צערינען,
אַ סוף נעמט צום געיעג, —
און רעטן וועל איך, גלויב, נאָר דיך אַליין.

נאָר אויב מיין האַר וועט בליקן לאָזן פאַלן,
ווי שווערדן פון אַ שייד,
נאָר אויב זיין צאָרן זוכט מיין שאָטן, זוכט,—
איז אַלץ, יהונתן, שוין אַלץ פאַרפאַלן:
מען טויט מיך יונגערהייט —
און וויי! דאַן ווערט דאָס קעניג־הויז
פאַרפלוכט!

אָ דעמאָלט, דו מיין קעניג־קינד, נישט פרעג מער,
נאָר קום צו מיר אין פעלד
צולויפן, ווי אַ טאַנצנדיקער אינד,
און האָב איך אויף דער־ערד קיין וועג, קיין שטעג
מער
רוים די מיך פון דער וועלט:
דיר וועט עס גאָט נישט רעכנען פאַר אַ זינד...

מיט אויגן קום, ווי כלייכטן־זיך לבנות,
מיט ליפן, ווו עס בליט
דער ווייגאָרטן פון קושן — און צעברעך
דאָס האַרץ אין מיר מיט ווערטער פון רחמנות,
וואָס קלינגען ווי אַ ליד,
דערנאָך הויב אויף דיין שפיז אויף מיר — און
שטעך!

כוועל שמייכלען העל, ווי קינדער פאַרן שלאָפן,
און פאַלן מיט „ה אָ ח",
פאַרזונקען אין דיין אויגן־כוואַר, וואָס שיינט.
דער אָרעם אַדוניס וועט דיך נישט שטראָפן,
נישט שטראָפן פאַר דעם שטאָך:
עס הייליגט דיך דער ווילן פון דיין פריינט.

אין יוגנט־חן דעם זיסן, צו אַ שטערן
געגליכן, ווען ער צינדט
זיין נאַכט־פייער, גיי אויף פאַר מיר און הויב

דעם לעצטן שלייער. ליכטיק זאָל מיר
ווערן,
הערסט? - איידער איך פאַרשווינד,
אַזוי אַז לייכטן זאָל נאָך מיר מיין שטויב...

פאַרווערן וועל איך אים, מיין ווילדן בענקען,
אין שאול צו מיר אַריין,
כוועל טיף אין זאַמד באַגראָבן מיין געוויין
און שאולן זיין שלעכטסקייט נישט געדענקען...
אָ ברודער זיסער מיין,
באַרוט וועל איך דאָרט חלומען דיין חן!

טויט מיך, יהונתן, און זאָלן לאַכן
די אויגן דיינע מילד,
ווען פון מיין בלוט וועט רויט=ווערן דיין
שפּיז;
אין קבר, וווּ דיין האַנט וועט מיך פאַרמאַכן,
פאַרטראָגט מיין האַרץ דיין בילד,
און סליגט דיין שאָטן נאָך פאַר מיינע פיס...

רות.

ויאמר בעז לנערו הנצב על
קוצרים: למי הנערה הזאת?
(רות ב׳, ה׳)

און בּוֹעזס האַרץ האָט דערלאַנגט אַ ציטער,
און ער האָט געפרעגט ביי דעם יונג דעם היטער:
„ווער איז די יונגפרוי, וואָס קלייבט די זאַנגען
אונטער געזאַנגען
פון מיינע שניטער,
און גייט זיי שטיל־שעמעוודיק נאָך?"

האָט יענער געזאָגט: „די, וואָס אירע ברעמען
גלאַנצן ווי גאָלדענער, ווייכער שמן,
אין לבונה־דופט טוט דורך יהודה שטראָמען
איר שענסטער פון נעמען...
די שנור פון נעמין —
רות איז עס, האַר מיינער, רות!"

האָט בּוֹעזס אויג זיך צעגליט אין גרוסן,
און זיין רויטע ליפּ האָט געזאָגט צו רותן:
„צו אַנדערע גיי נישט, אָ טאָכטער, קלייבן,
נאָר זאָלסט דאָ בלייבן,
און סוועט נישט רותן
געשען — איך שווער עס — קיין בייז"...

האָט אין לופט פאַרשמעקט מיט געהיימע ניסים,
איז גלייך געפאַלן רות צו די פיס אים:
„פרעמד בין איך, האַר, אין בית־לחמס טויער!"
איז וואונדערלעך־זיס אים
אין לאָגעל פון אויער
געפאַלן איר נכרישע שטים...

— — — — — — — — — — — — — —

און בית־לחמס פעלד האָט אַ בלויע מנוחה
פאַרהילט מיט הימל און שטיל געצאַנקט...
אָ וואונדער, וואונדער! – געשמידט האָט גאָט שוין
אַ כסא־מלוכה;
און ערגעץ האָט שוין
די קרוין פון בן־ישי געבלאַנקט!

אָ ז ל ב ו ש.

פאַרנאַכט־צייט עפן מיר די קוואַלן
פון ריינער רו,
און לייג דיין האַנט מיר אויפן אַקסל,
און זאָג מיר: „ד ו"...

און רייד קיין וואָרט נישט מער! דאָס איינע,
דאָס קליינע וואָרט
זאָל צווישןביידן אונז די בריק זיין –
און דער אַקאָרד.

און קוש מיין נאַקעטע נשמה,
און זאָל דער קוש, –
ווי אַלץ, וואָס הייליק, ווי טוי, ווי אומשולד, –
זיין אָן לבוש...

דיין הארץ - די שטילע גאַס.

עס ליגן אין עק שטאָט געהיימע גאַסן,
ווו סגיסט זיך רו, ווי ווייַנען פון די פאַסן,
ווו שלאַנקע קוימענס, איינגעקוקט אין בלאַסן
פאַרמיטאָג=הימל, רויכערן געלאַסן,

און סוויגן זיך פון דאָרטן און פון דאַנען
די רויכן, ווייס=פאַרכשופט ווי די שוואַנען.
עס דוכט דיר, ווי אַ כהן וואָלט געשטאַנען
הויך איבער אַלע הייזער, און פון פאַנען

ווערט קטורת=רויך געדעמפט... און נישט דערעסן
ווערט דאָרט די שטילקייט; הייליק, אין פאַרגעסן,
פאַרגייען, קומען אָן דאָרט די מעת=לעתן.

דיין הארץ, מיין קינד, וואָס ווייט מיט עולם=הבאס,
איז גלייך צו יענע גאַסן - און זיין שבת
באַגעגנט מיט די שטילסטע ברוך=הבאס...

״יִדישער ראָמאַנס.

אוי, דאָרטן שטייט אַ יתום־בוים,
אויף קני, אַז ווײ אים, שטייט ער –
געווען אַמאָל אַ מאַי ביי אים,
נישטאָ שוין מער קיין צווייטער!

אַ דונער האָט געטראָפן אים,
געמאַכט פון אים אַ הויקער,
זייט דעמאָלט שטייט ער נעבעכדיק
און פינסטער, מעשה־חוקר...

רחמנות האָבן פויגעלעך
און ווילן דאָרט נישט גאַסטן:
ער קען נאָך פלוצלינג איינפאַלן –
וואָס דאַרף מען אים באַלאַסטן?

אוי, עלנט שטייט דער יתום־בוים
און אייביק טוט ער קניען, –
און דיך זאָל גאָט דערבאַרעמען,
אין נחת זאָלסטו בליען!

אַ פרישע זיי, אַ שלאַנקע זיי,
און שאָטן גיב דעם מידן;
ווען סאיז ביי אים דער קאָפּ צעהיצט–
באַשיץ אים מיט דיין פרידן.

און וואַקס אַזוי, און בלי אַזוי
צו הימל און צו לייטן,
סזאָל זיין אַ קוויקונג אָנצוזען
דיין קעפּל פון דערווייטן!

נישט שרעק זיך פאַר קיין שטורעם־ווינט,
נישט בויג זיך פאַר קיין רעגן, —
און איך, דער מידער יתום־בוים,
וועל קניען דיר אַנטקעגן. . .

NOCTURNO.

שטיל לייגט אַרויף אירע לאַנגע
פינגער די נאַכט,
אויף דעם פאַרכשופטן, ווייטן
ראַיאָל פון די שטערן...
איבער די רוישיקע טייכן
פון שטום־שוואַרצע טענער
שווימען נשמות פון טויטע
עלעגישע דיכטער.
עס גענוצט, געבאָדן אין ספּלין,
דער ווילדער באָדלער,
דער פּריינט פון גרינאוויגיקע קעץ
און גרינאוויגיקע ימען,
און שווימט פון איין שאָטן צום צווייטן,
ביז וואַנען ער לאָזט
הענגען דעם קאָפּ זיינעם איבער
פאַריזער בולוואַרן.
און זעענדיק דאָרט אַ קאָקאָטע,
וואָס לויפט מיט איר הינטל
ערגיץ צו פריילעכע הערן,
דערלאַנגט ער מאַטראָסיש
אַ ווונק צו דער לוסטיק־געפּוצטער:
„שטיי־נאָר אַ רגע!"

צ י נ ז נ י ש ו - אז ן אײלט... ער קוקט נאָך
אין װײנט פֿאַר רחמנות. . .

ער װײנט ביז פֿאַרטאָג אינם נעפּל
איבער פּאַריז. . .

פֿאַרהערט אין נאַטור־קלאַנגען טיפֿע,
שלײדערט זיך ל ע נ ו י
אַרויף און אַראָפּ, װי אַ בלינדער,
צעטראָגענער טויכער,
לאָזט לויפֿן װי שפּינען די פֿינגער
איבער די כװאַליעס
פֿון ריטמיש־צעציטערטע שאָטנס –
און כאַפּט זיך בײַם קאָפּ אָן.
ער שװימט און װילד לאַכט אים פֿאָרויס
דער גײסט פֿון צעמישונג. . .
ער שװימט, ביז ער קומט צו אַ דולהויז –
און קוקט אינם דולהויז,
און רופֿט משוגעים פֿון בעטן,
און רופֿט זײ צום פֿענסטער:
„העי, ברידער, דער בורא איז רויק,
ער שלאָפֿט אין די װאָלקנס.
העי, לאָמיר אים װעקן, דעם זקן,
העי, לאָמיר אַ שפּיל־טון!

לאָמיר אים אויסשפּילן, ברידער
א ווילדס און אַ זינדיקס"...

ער רופט ביז פאַרטאָג משוגעים
און לאָזט זיי נישט רוען...

ה יי נ ע, געבאָדן אין לאַכעדיק־
בלוטיקע טרערן,
איז קינדיש מקנא דעם שלאָף
פון אַ דייטשן פּראָפעסאָר,
פאַרקרימט דאָס געזיכט צו אַ וויינען
פון שטורמישן חוזק,
און פלאַטערט, ביז וואַנען ער קומט
צו די ברעגן פון רהיין.
און סטרעפּט אים דאָרט פרוי לאָרעליי
אין די גאָלדענע קליידער
און נעמט אים צו זיך אויפן פעלז –
און קושט אים, און קושט אים...
עס פליט אויפן רהיין די לבנה,
די איינזאַמע פאַווע,
חלומט מיט אויגן האַלב־בלינדע
פון אייביקער ליבע,
נאָר ווערט די לבנה, די פאַווע,
געפאַנגען אין בליען,

און נעמט אירע פעדערן פליקן
דער יונגער באַגינען, –
לאַכט לאָרעליי אַ געלעכטער,
איר זינגען פאַרשטומט,
און ספּאַלט איר געליבטער אין וואַסער–
זי וואַרפט אים אין וואַסער. . .

אַזוי ווערט באַנייט יעדע נאַכט
די אַלטע געשיכטע. . .

* *
*

און וואָלט אַ וואָג געווען דאָס האַרץ מיינס –
וואָלט איך אָן שיעור דאַרויף געוויגן
דאָס פּורע גאָלד פון דיינע ליפּן,
די ריינע פּערל פון די אויגן.

און וואָלט מיין ליבע זיין אַן אָפּגרונט
פון אַ צעזונגענעם אוקינוס,
וואָלט איך דיך, העריעכסטע פון פּערל,
דעריין דערטרונקען אָן רחמנות.

און וואָלט מיין ליבע זיין אַ טורעם –
וואָלט דאָרט מיין אָרעם דיך פאַרשפּאַרן,
כדי אַז אייביק זאָל נישט זען דיך
דאָס אויג פון זינדיקע און נאַרן.

און וואָלט אַ וואַלד געווען מיין ליבע–
אַ בוים אַן אַלטן און אַ פעסטן
וואָלט איך געפונען און געבויט דאָרט
דיין נעסט, די זיכערסטע פון נעסטן!

* *

*

אָפּט קלער איך וואָס וועט זיין אין הונדערט יאָר
אַרום –

און קוש דאָן שטום
אַ מיידל, וואָס וועט בליען
אין הונדערט יאָר אַרום.

אין מיטן לייענען אַ ביכל
וועלן ברייטער עפנען אירע אויגן זיך,
אַרויס וועל איך פון צווישן שוואַרצע שורות –
און פרום פאַרנויגן זיך.

פרעגן וועט זי מיך: „וואָס ביזטו אַזאַ בלייכער?
ווו איז דיין הוט?"
– „בלייך בין איך, מיין קינד, ווייל פון מיין האַרץ
איז אויסגערונען סבלות.

און מיין הוט, זיס קינד, איז פאַרמשכונט ביים
מלאך־דומה,
אויף מיין הוט איז דאָ אַ צייכן – –
דער שוואַרצער מלאך – ער לאָזט נישט אַוועקגיין
אויף לאַנג
מיך, בלייבן – – –"

מורמלען וועט עס מיין לעפין אין אַ שעה אָן אַ נאָמען,

הונדערט יאָר נאָך מיין שרייבן דאָס דאָזיקע געדיכט,

ווען אין פלאַטערדיקע פורפור=קושן וועט אויפגיין מיין ליבע

אויף איר שרה=בת=טובימדיק געזיכט.

אויף איר געזיכט וועט מיין ליבע אין טויזנט קושן אויפגיין —

דאָס וועט געדויערן אַ פאָר מינוט...

דערנאָך וועל איך ווידער אַריין אין קבר,

אַ בלייכער און אָן אַ הוט...

אַ חתונה.

זיינען פידלען מעביר סדרה —
מעביר סדרה — מעביר סדרה —
טראַפּ —

טאַנצן אַלע, אַלע, אַלע, אַלע,
אַלע, אַלע — און די כּלה?
וואָס מיר כּלה?
האָפּ!

סאַמע ווייסע, סאַמע ווייסע,
פּראָסטיק=ווייסע, ווייסע, ווייסע,
פּראָסט —
אַלע ווייסע, אַלע, אַלע,
אַלע שלעפּן זיי די כּלה,
און די כּלה:
— לאָ—אָזט!

„ביזט אַ שיינע, שיינע, רויטע,
שיינע-רויטע-שיינע-רויטע
בלום -
קום צו ווייסע - קום צו טויטע -
ווייסע-טויטע-ווייסע-טויטע -
קום!“

טראמטא-דראטא — טאטא — טאטא –
טאטא – טאטא – טאטא – טאטא –
טא –
אלע, אלע, אלע, אלע
פרעגן פלוצלינג: וואו די כלה?
טויט די כלה!
א – – –

אַ גאָסן־מיידל.

אייביק פילט זי איר גוף ווי אַ שטאָל.
געקליידטערהייט אַפילו
גייט זי אַ נאַקעטע.
אייביק גייט זי אַ נאַקעטע.

פונם שניי ברענט אַרויס אַ לאַמטערן.
דאָרט אין דער לאַמטערן שוידערט נאַכט נאַכט ביי נאַכט
דאָס געלע פלעמל, ווען עס זעט זי
אַ פאַרלאָשענע שטיין
אין פליענדיקן שניי —
אינגאַנצן אַ פאַרלאָשענע.

וואָס קוקט זי אַזוי?
צו זעט זי אומפליען אין שניי
איר ווייסע,
געוועזענע נשמה? —

און אפשר לאַכט זי אויס
דער שניי, דער פלינקער דראַטן־גייער, דער מכשף,
און ווייזט איר, אין לײַלעכער געוויקלט,
אַ נישט־געבוירנס,
אַ בלייך פיגורל פון אַ קינד
מיט נאָס־פאַרקלעפטע ווימפערן...

און זי – זי שווידערט:

„גיט מיר עס אַהער, דאָס ווייסע קינד, –
דאָס ווייסע קינד איז מיינס!
איך וועל עס קיינמאָל נישט געבוירן,
נאָר –
דאָס ווייסע קינד איז מיינס!...״

תאוה.

I.

ווען די נאַכט שעלט אויס אין צאָרן
שטראַלן, צאַפּלענדיקע טויבן,
לאָזט אַראָפּ די שוואַרצע שטאָרן
איבער מערבס רויטע שויבן, —
קומט פון אָפּגרונט מיט געזאַנגען,
בליט, צובליט-זיך און ווערט צייטיק
אַלץ, וואָס יינג איז עס פאַרגאַנגען,
אַלץ, וואָס אָפּגעוועלקט פריצייטיק.
וואָס דער טויט האָט זיך גענומען,
וואָס דער קבר האָט באַהאַלטן —
בליט אין וואונדערלעכע בלומען,
זינגט פון לעכער און פון שפּאַלטן,
און צעוויגטע ווי אין פיבער,
און מטושטש ווי די פלעקן,
קומען גייסטער פון די גריבער,
ערד און הימל צו פאַרדעקן.
נאַקעט קומען זיי צושווימען —
און זיי וואַרפן זיך און צאַפּלען;
אַלע זינגען זיי אָן שטימען
און זיי קוקן אָן שוואַרצאַפּלען.

דורשטיק ציען זיי די העלדזער
צו די בליענדיקע שטערן,
האלדזן קוימענס, קושן העלצער
מיט א ווילדקייט פון באגערן.
ס'ציט זיי דורשטיקייט פארשייטע
פון די לעכער און די שפאלטן
צו די הויכע, צו די ווייטע,
אייביק־ווייבלעכע געשטאלטן.
ס'גראבט די תאוה, די היענע,
נאכט ביי נאכט זיי פון די קברים,
רופט פון ווארעמס גרינעם ארעם
צו דער געטלעכער ה ע ל ע נ ע !

II.

און צום אלטן מייסטער ש ט ן
ברומען אלע ווי די חיות:
„ס'איז אונז ס'לעבן נישט געראטן—
זיי געשטארבענע מפייס!
ס'איז אונז ס'שטארבן נישט געראטן —
פרי פארשאטן די געביינען!
הער געוויינען, מייסטער שטן,
הער געברומען און געוויינען!"

און דער שטן טוט זיך מיען,
און, מיט כשוף זיי צו נאַרן,
קומט ה ע ל ע נ ע שנעל צופליען,
קומט דער שענסטער פון קאָשמאַרן.
איר פאַרפיר=בילד אין דער פינסטער
פלייצט מיט שמייכל כשר=טרייפן,
און דער לאָרבער=קראַנץ דער גרינסטער
צירט די בלאַנקסטע פון די שלייפן.
נאַכט און כשוף – ווייַט אַרום=איר,
אין דער לופטן ברענט מיט סוטה,
און ווי קעץ אין נעבל פון זומער
קרעכצן תאווהדיק די טויטע...

* *
*

דאָס אויג מיינס האָט פאַרבלאָנדזשעט, ווי אַ קינד
אין וואַלד,
און קאָן פון דעם פינסטערקייט=וואַלד נישט
אַרויסגיין.
באַגליקט וויל עס פאַלן אויף דיין העלער האַנט
אַ מינוט פאַרן אויסגיין...

מיין תפילה האָט אומזיסט געקלעטערט צו אַ גאָט,
צו אַ הימל, וווהין זי זאָל קאָנען אַריינגיין.
נעם זי אויף אין דיין אויער אַ מינוט פאַרן טויט –
און דער טויט וועט איר איינגיין...

די ליבע איז געזעסן צו טיף אין מיין ברוסט
און צו אָפט האָט זי געוויינט אין איר שטאָלצן
מ ס ת ר י ם.
שטאַרבן וויל זי און קאָן עס נישט, איידער זי לייגט
איר קאָפּ אין דיין אָרעם...

קאַליִרטע בת קולס

וועלט-געפיל.

ביינאַכט, ווען שטיל מאַכט כשוף
אַ קוימען אויף אַ דאַך,
ביינאַכט, ווען קערפּערס שלאָפן
און גייסטער ווערן וואַך,
דערהערט זיך מיר אַן אַלטע
און וואונדערשיינע שפּראַך.

אַ שפּראַך איז דאָס אַ שיינע,
די שענסטע אויף דער ערד,
און הייליק ווי אַ מקדש,
אַ מקדש לאַנג צעשטערט:
פאַר איינציקע געבוירן,
פון איינציקע געהערט.

אַ וועלט הויבט אָן צו ריידן
צו ווייסטו וואָס זי וויל?
אין בלומען-טאָפּ די בלומען,
אין וואַנט ערגיץ די גריל,
ביים פענסטער די גאַרדינען —
זיי ריידן אין דער שטיל...

די מויז פאַרהאַלט איר אָטעם,
נישט געבנדיק קיין ראַץ,

קבלה=צייכנס ברענען
אין אַפּל ביי דער קאַץ,
און זילבער=גאָפּלען דריקן
זיך נענטער צו דער טאַץ...

די אייביקייט – דאָס ברעכט זי
איר שטילקייט=נדר דאַן,
מישט אַלץ, וואָס איז געווען,
מיט אַלץ וואָס איז פאַראַן:
עס שלאָגט אָן שוואַרצע פעלזן
איר טיפער אָקעאַן.

און ס׳ריידן אַלע צייטן
פון אָדם ביז אַהער,
דער נחש רעדט און חוה,
און אַלץ איז איין באַגער,
און אַלץ איז אָדם=חוה,
און אַלץ איז ז י און ע ר.

אַ גרויס, אַ גוואַלדיק שפּילן,
אַ גאַנצע וועלט אין קאַן!
און ס׳וויל אַוועק צום אור=וואַלד
אין קיך אַ דאַרער שפּאַן,
און ס׳ברומען אַלע לאָמפּן:
„קומט, צינדט אונז ווידער אָן!...“

ר ע ג נ ס.

עס מאַכן זיך סוף זומער בייזע רעגנס,
וואָס זינגען שלעכטס די מויערן, די זקנים,
דעם זונען־דיסק דעם קאַלטן און דעם קליינעם,
דעם פערד, וואָס קניט אין בלאָטע אונטעווועגנס.

די הערסט אין זיי וידויים פון אַ רשע,
דעם פייף פון מייז דערשראָקענע אין חצות,
דאָס לעצט־געשריי פון דעם, וואָס ווערט דערשאָסן,
און גוואַלד־קולות פון ים און פון יבשה.

פון גאַרנישט־וועלט פאַרבלאָנדזשעטע כלי־זמרים,
מיט פיבער־פידלען ציטריגע אין אָרעם,
ווי קינסטלער קראַנק—און גרויזאַם ווי פאַרברעכער;

אַזוי גייט־דורך די ווילדע חברה רעגנס,
שלאָגט קאָפּ אָן קאַלטע קוימענס אויף די דעכער
און פידלט אָפּ דעם זומער אַ ג ע ז ע ג נ ס.

אַ צ ו ג.

אין נאָענטן דאָרף האָט זיך די שטאַל
לאַנג פֿאַרמאַכט נאָך דער לעצטער קו.
אַ קוימען-קאָפּ שטייט ווי אַ שוואַרצער חשד
און פֿאָרשט דער לבֿנהס געהיימע רו.

ווי אויף רעדער פֿון לעדער פֿאָרט דורך אַ פֿור...
אַ ווינט אַ כּלי-זמר, צום מידן טאַקט
פֿון דער פֿעלד-גרילס האַמער, מאַכט שפּילן שטיל
די פֿאַרדאגהטע בוימער בײַם עק פֿון טראַקט.

אָפֿט פֿאַלט אַ בליץ, ווי גאָטס אַ טרער,
און אימהדיק שרייט ערגיץ ווייט אַ צוג:
דאָס האָט אויפֿן צוג קלעאָפּאַטרע נ אַ כ ט
מיט משוגענער תאוה דערלאַנגט אַ קוק...

דער צוג איז אַנטלאָפֿן מיט אַ געוואַלד...
באַלד גיט ער אין הימל אַריין אַ פֿאָר,
צעשליידערט די שטערן – און הויך פֿאַר גאָט
פּייפֿט ער אויס זײַן פּחד ביז גאָר...

אַ בשורה.

ווי אַן עופּעלע מורמלט דער זיידע וואַלד...
אַ גרעזל אַ ציטערדיקס כאַפּט זיך אויף,
פאַרחידושט אויפהויבנדיק דאָס קעפּל:
„וואָס איז געשען?"...

גאָרנישט איז געשען נאָך אויף דער וועלט!
די זון האָט נאָך דאָס בעט אירס נישט פאַרלאָזט;
נאָך זויגן וואָלקנס, האַלב אין שלאָף,
דעם נעפּלס קאַלטע ברוסטן...

נאָך שלאָפט דער פויגל אויפן קאַרק פון בוים,
דעם פליגל נישט גערירט נאָך...
עס איז אַ בשורה נאָר אַדורך,
אַן אָנזאָג אויפן ערשטן טאָג־שפּראָץ.

עס איז אַ בשורה נאָר אַדורך,
אַ שטילע און פלינקע אינדיך — — —
אין טיפן גראָז האָט זי געטאַנצט —
און אויפגעוועקט דעם וואַלד!

שוואַרצער דראָט.

דאָס בית=עלמין איז ליידיק, דאָס בית=עלמין איז
פוסט –
ווו זיינען די מתים? עס האָט זיי פאַרגלוסט
צו גיין אין דער נאַכט אַריין, גיין אין דער נאַכט
אריין...

דאָס בית=עלמין איז ליידיק און פול איז די שטאָט –
דער טויט האָט פאַרצוימט אירע הייזער מיט דראָט,
דראָט שוואַרצן און שטעכיקן, שוואַרצן און
שטעכיקן...

טויט איז די זונה, וואָס דרייט זיךביים ראָג.
זעסט דעם צילינדער=הער? הינטער זיין ראָק
רירן תכריכים זיך פראָסטיקע, רירן זיך...

דאָס בית=עלמין איז ליידיק, דאָס בית=עלמין איז
שטיל,
און אין שטאָט אויף די גאַסן איז מענטשן צופיל –
עפּעס ווערן זיי מערער און מערער אַלץ...

עס גייען און גייען פיל לייט דורך דער שטאָט,
גייען און פּלאָנטערן זיך אינם דראָט,
דראָט שוואַרצן און שטעכיקן, שוואַרצן און
שטעכיקן...

שוואַרץ מבוּלט מיט מענטשן פֿון דאַנען און דאָרט —
און די שטאָט ווערט אַלץ שוואַרצער. דאָס הייליקע
אָרט
ליגט ליידיק און ווייס אין לבֿנה־שיין...

אַ לבנה אויפן שטעטל.

אַ לבנה אויפן שטעטל.
ביי אַ פאַרקן בילט אַ הינטל.
ס'איז ווי ערגיץ שפּילט אַ פייפל —
זאָל דאָס זיין אַ ווינטל?

די לבנה איז אַ שטילע
און וואָס ווייטער ווערט זי שטילער.
אונטן קריכט אויף=פיר דער חושך —
ווייסט זי נישט, וואָס וויל ער...

ווערט זי נבהל, וואַרפט זי שטיקער,
שטיקער גאָלד אין שוואַרצע פּעסע —
אָבער ס'העלפט נישט! פון די שטראַלן
ווערט נאָר ס'חשכות גרעסער...

ס'ברענען שויבן איר אין פּנים...
שויבן זיינען עס? צי, — קען=זיין, —
רויטע קוילן? קאָן ביי גלאָז דען
אַזאַ בייזער ברען זיין?

ס'לויפט פאַרביי דאָרט ווייט אַ פורל.
לויפט פאַרביי און ווערט פאַרשלונגען...
זיינען שדים דרין געפאָרן,
אויסשטעלנדיק צונגען?

ב ו י מ ע ר זײַנען עס – צי אפשר
גרויע פּלעדערמײַז? אַבֿלים? –
אָדער אפשר גאָר דעם שטנס
שטאַרע נושאי־כּלים? –

און אַ רויִק אַ זקן דוכנט
איבער דעכער – און ווער ווייס אים?
אפשר איז ער מיט זײַן בלוי־באָרד
עלטסטער פֿון די מתים – – –

וו ײַ ן.

שטייט אַ העל געשניצטער,
שמייכלענדיקער בעכער,
מיט זיין רויט=וויין בליצט ער
איבער שוואַרצע דעכער –
ס׳איז זי, ס׳איז די לבנה...

נעמען קריכן גרויסע
שאָטנס פון די לעכער...
צו דער פולער כוסע
ציט זיי הויך און העכער,
די דורשט=געפּלאָגטע שאָטנס...

אוף! זיי ציען אָטעם,
ווינט איז זייער פעכער
שאָטן ווינקט צו שאָטן:
„העכער, ברודער, העכער
לבנה=וויין צו טרינקען!"

נאָר דער הימעל לאַכט שטיל,
לאַכט איבער די דעכער,
און עס ברומט די נאַכט שטיל:
„נאַרן, ס׳בלייבט דער בעכער
אַ פולער ביז באַגינען"...

לבנה־שרעק.

וועלפיש שאָטנט זיך דאָס דערפל...
עס פאַרוואַרפט נאָר ווו נישט ווו
חברה שטראַלן ווייסע נעצן
איבער שוואַרצע טייכן רו.

ווייסע שטראַלן, פלינקע שטיפער,
און זיי לאָזן נישט געמאַך:
שלעפן שאָטנס פאַרן אַרבל,
גאַלאָפּירן אויפן דאַך...

די לבנה, זייער מוטער,
לויערט, לויערט מיט אַן אויג;
שטילער כּשוף גיסט און גיסט זיך
פון איר פּנימס געלן רויג.

פון איר פּנים ווילד־דערשראָקן,
בילט אַ הינטל פאַר אַ פּלויט,
ווי דער נאַכטס אַ דולער נביא,
ווי אַן אָנזאָגער פון טויט.

„האַוו, האַוו, האַוו!" – אָט די לבנה,
דוכט אים, טוט זיך באַלד אַ וואָרף
און פאַרבּרענט מיט אירע פלאַמען
אים צוזאַמען מיטן דאָרף...

יעדן אויגנבליק דיכטער.

מלאך־דומה איז צו און האָט דומפּיג געפרעגט
„גייסט אין פלאַמען, ווי הייסטו ?"
נאָר דער גייסט, דורכלאַויס פייער און פאַרב, האָט
געלאַכט :

„און אַז כ'זאָג דיר – וואָס ווייסטו ?"

מלאך־דומה האָט צאָרניג פאַרצויגן אַ ברעם :
„גייסט אין פלאַמען, דו לאַך נישט !"
נאָר דער גייסט האָט געבריט מיט די אויגן :
„דו ווייסט,

שוואַרצער מלאך, קיין זאַך נישט !

וואָס איז אָרט מיר און צייט, וואָס איז ?—גייסטער
ווי איך

זיינען וועלטן און דורות.
ווער דערגייט ווי איך הייס ? גאָט אַליין סיידן ווייס
מיין אמתן שורש !"

האָט דער מלאך פאַרטראַכט געלאָזט הייגען
דעם קאָפּ

און האָט זיך פאַרוווּנדערט —
און דער גייסט האָט גערעדט : „ווילסט מיין
נאָמען ? איך האָב

נעמען הונדערט !

רוף מיך גאָט, רוף מיך מענטש, רוף מיך לעבען
אַליין, –
אַלע נעמען פאַרדין איך,
כ׳האָב געלעבט אומעטום, כ׳בין געווען אומעטום –
און אַלץ בין איך!

איך בין ערד־קינד געווען און געוועזן פאַנטאָם,
א שטיק שטיין און אַ שטערן,
גאָטס אָן אָדלער אין הימל, אַ פּערל אין ים
און א דונקל באַגערן"...

— „ביסט כאָטש פרום געווען? ניין? שטראָף
פאַרדינסטו, צי נישט?
גייסט און פלאַמען, אַנטפּלעק זיך!"
נאָר דער גייסט, דורכלויס פייער און פאַרב, האָט
געלאַכט:
„שוואַרצער מלאך, נישט שרעק זיך!

„פרום? — און קענסטו אין ווערטער פאַרשליסן
א ים,
ווערטער טויטע און שטאַרע?!
ש ט ר אָ ף? — און קאָנסטו דען שטראָפן, דערפאַר
ווייל ער ברילט,
דעם לייב פון סאַהאַרע?...

„אָ, מיר זיינען פיל ערגער פאַר איטלעכער שטראָף
ווערטער ט ו י ט ע און גראָע!"

און פאַרבלייפט האָט דער מלאך געקוקט אויפן גייסט
און געפרעגט מיט הכנעה:

„וואָס זשע האָסטו געטאָן, וואָס נישטאָ איבער דיר
נישט געריכט און נישט ריכטער?"

און דער גייסט האָט געזאָגט: „כ'בין געווען אויף
דער ערד

יעדן אויגנבליק ד י כ ט ע ר!"